STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08402

IN SHOTN FUN HUNGER

Sol Maltz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאול מאלץ
אין
שאטן
פון

פֿאַרלאַג א. בידערמאַן
176 צווייטע עוועניו
ניו יאָרק

Copyright, 1933
By SOL MALTZ
New York

490
געדרוקט אין דער אַסטאָריאַ פּרעס,
61 איסט 4טע גאַס, ניו יאָרק.

מײן געטרײַען פרײַנד און חבר

י י ד י ס י ן

אַ מתנה.

ש. מ.

אויטאָפּאָרטרעט

פלאַמען...
פלאַמען פלאַקערן,
פלאַמען צאַנקען איצט אויף מערב
ווען סינידערט באַנג אַראָפּ אַ רויטע זון.
אַ בלייך בלויקייט, אַ מילד בלויקייט
פליסט דורך מיין מזרח פענצטער
אינס זונפאַרגאַנג.

לאַנגע שאָטנס שלייכן,
ווען סיבלוט פון דער זון טריפט פון אַלעביימער.
פלעכט זיך אויך מיין שאָטן
אין פאַרנאַכטיקן שווייגן
מיט קרומע פאַרבלוטיקטע צווייגן.
און אינס טונקלקייט פונס צאַרטן, בלאָען ליכט
וויגט זיך מיין געשטאַלט
אין אַ שוואַרץ־גראַמטן שפּיגל.

ווי אַ רייפע זאַנג
אין קאָרנפעלד,
וואָס בויגט זיך פון קערנערדיקער וואָג —
אויך אַזוי בויג איך מיך
אונטער מיינע יונגע, פיינלעכע טעג.

פייערוואָלקנס שוועבן פאַרביי
מיינע געקרייציקטע, בלאָע שויבן,
צעלייגנדיק פייערן אויף דעכער
און אויף ביימער,
און וואַרפן גליענדיקע קוילן
אין מיין שטוב אַריין.
טליעט מיין געשטאַלט
און רויכערט זיך
אין שוואַרץ־גראַמטן בלאָען זילבער,
וואָס שליידערט אויף מיין הייפּטל־קאָפּ

ווייסע פּאַסמעס געקרויזטע לאָקן.
און שפּיגלט אין מיינע צלמים אויגן
אַ בידנעם פּאַיאַץ
מיט טעמפּע גלעקלעך און בליאַקירטע טראָלזן
וואָס הענגען איבער אַ בלאַס פּנים
מיט ציטרינען געלע קנייטשן.

אויפגייענדיקע בלאָע טויכן
פון דער פאַלנדיקער נאַכט
מישן אויס מיין געשטאַלט
מיטן גראָען זילבער
אין די שוואַרצע ראָמען.

בשורות פון הונגער

אין אונדזער שטאָט קומען בעטלער פון אַלע וועגן
אָנצוזאָגן די בשורה פון הונגער.
וויינענדיקע דערציילן זיי
פון קאָסעם פאַרזשאַווערטע פון רעגן,
פון סערפּן ווי טעמפּע זעגן,
וואָס האָבן ניט דערוואַגט צו שניידן די מאָגערע זאַנגען.

ווי קראַנקע קראָען האָבן
ווייבער איבער בייטן געהונקען
די מאָגערע זאַנגען אויפצוקלויבן.

אומזיסט האָבן זיך מילשטיינער
איינער אין אַנדערן געריבן,
ווען ס'האָבן זיך די געקרייציקטע פליגל
צו בייזע ווינטן אָפּגעגעבן.

און אַז די זון
האָט זיך אין נאַקעטע צווייגן צעשטאָכן,
האָבן פייגל די פליגל צעשפּרייט.
און שערענגעסווייז
— ווי פליענדיקע צלמים —
אונזערע נאַקעטע פעלדער פאַרלאָזן.

אַרבעטסלאָזער

אַט אזוי היינט ווי אין פאַרגאַנגענע טעג
האָט ער ארויסגעטראָגן אויפן מארק זיין פאַרמעג
אַ פאַרטרוקנטן גוף, אַ פּאָר קנאָכיקע הענט,
אין הארצן אַ ריס פון אַ הונגעריק קינד.

טאַנצן פאַרטרערטע קראָען־אויגן
אין דער מאַסקע פון זיין פּנים;
און מיט טרויער אויסגעצוואָגן
זענען זיינע פאַרוויאַנעטע האָר.

זיין ברוסטקאַסטן איז אַ בלאָז־זאַק,
און די לונגען — אַ שייטער־הויפן.
אויף יעדן וועג וואַנדלט ער אום
זיין בידנעם האָב צו פאַרקויפן.

זיינע באַגערן באַוואַסערן הונגעריקע מינוטן
און ווערן פאַרדייעט אין דאַרע אינגעווייטן.
זיין גיריק מויל זיפּצט אוים די קלאָג
אַ גאַנצן טאָג.

ווי אַ שלאַנג וואַרפט ער זיין גוף
אויף איעדן שפּאָטישן רוף
פון פאַרבייגייער, וואָס ווילן ניט פאַרשטיין
זיין זויערע מימיק און דעם אויסרוף פון פיין,
אַז ס׳וויל איינער פאַרקויפן זיינע קנאָכיקע הענט
צו דערנערן זיך און אַ הונגעריק קינד.

מיט וואָס זאָלן זיי זעטיקן זייערע שעה׳ן

מיט וואָס זאָלן זיי זעטיקן זייערע שעה׳ן
ביז דער אויפגאַנג פון מאָרגן וועט ווי ווינט
זיך צעברויזן? ווי קענען זיי רוען
אַז זיי שטייען הונגעריקע ביי דעם אָפּגרונט
מיט אייליקע ציין און סקעלעטישע לייבער?
מיט זייגנדיקע מיילער וועלן זיי צופאַלן
צו ערד׳ס ברוסטן. אָן וואָרצלען גריבער
אין טראַכט גראָבן, עס זאָל זיך צעשטראַלן
פון זייערע אויגן די גאַל וואָס זיי האָבן געזויגן.
ווייל דאָס קאַנאַניקל פון פרייד איז טרוקן
שוין פון לאַנג, און געבלוטיקט האָבן שטיגן
ביי יעדן קלעטער טריט צום לעבן. און אַז ווען
איז הונגער געקומען צו זייערע שוועלן
האָבן פּרענגעס פון פיין זיי אָנגעגורט מיט ווילן.

מאַרשירער פון נויט

ווי וואָלקנס שטורעם זענען זיי אין שטאָט געקומען
און צעריסן דעם שוואַרצן פּאָן פון דער נאַכט.
אונדזער טייל נויט האָבן זיי מיטגעבראַכט
ווען זיי זענען ווי וואָלקנס שטורעם אין שטאָט געקומען.

זייערע בליקן האָבן געשטאָכן ווי ווילדע צווייגן
און האָבן געזייעט קערנער פון הונגער אויף גאַסן
פון טאָרבעס ליידיקע. און אַזוי אינם שפּרייזן
האָבן זייערע בליקן געשטאָכן ווי ווילדע צווייגן.

פון זייערע ברוסטקעסטלעך האָט געהילכט אַ ברומען
ביים אָנזאָגן די שניידנדיקע בשורות פון נויט.
שערענגעס זענען מיר געשטאַנען, געהערט און געגלויבט
די שניידנדיקע בשורות, וואָס זענען פון הערצער אַרויסגעשטראָמען.

און אַז ס'איז אויפגעגאַנגען דער טרויער פון אַלע ווייטן,
האָבן מיר געפלאָכטן רייען און געטראָטן אין זייערע שפּרייזן.
ווייבער און מאַמעס האָבן געהאָפט אויף דער שעה פון דערלייזן,
ווען דער טרויער איז אויפגעגאַנגען פון אַלע ווייטן.

אָבער יעדער פון אונדז קען ווערן דער ליכטיקער דערלייזער,
ווען די נויט בליט אין אַלע שטיבער.
טו דיין טייל און ווער דער פּשוט'ער גלויבער,
אַז יעדער פון אונדז קען ווערן דער ליכטיקער דערלייזער.

מאָנאָלאָג פון אַ הונגעריקן

כ'האָב מיינע יאָרן
ווי וואָרצלען אין דער ערד פאַרפלאַנצט,
און אין דעם ליכט פון מיינע טעג
מיט מיינע צערטלעכקייטן זיי באַפייכט.
איך — ווי אַ קריכפלאַנץ —
האָב זיך געריסן צו זוניקע הויכקייטן
צו בינדן קנופּן פון טרייסט
אין מיין צווייגנדיק שטייגן.

האָט אַליינקייט ווי אַ וואָרעם מיין האַרץ גענאָגט,
ווען דאָס שפּינוועבס פון זאָרג
האָט זיך איבערן לעבן אויסגעשפּרייט.
דער טייך פון שעה'ן
האָט געבראַכט בשורות פון וויאַנען.

מינוטן פון הונגער זענען געוואָרן פּיאַווקעס
און געזויגן דעם מאַרך פון דאַרן גוף
פאַרלאַנגען, ווי פליענדיקע פיילן,
שניידן די לופט צום גאָרן ציל.

און אַז הונגער קנעט די געפילן
אין דעם פיבערדיקן לייב,
ווערן שעה'ן פון טראַכטן אַנקערס,
אָבער די פיילן פון שיידוועג ווייזן אויף וויטער.

איך — אַן אָפּצווייג פון אַ דור פון פאַלשן וואר
— וויג זיך אין ריטם פון גאָרן אַליינקייט.
גאַרב און ברייטל,
דאַך און כאַטע
ווערט פאַר יעדן אייגנס.

די צייט פון דאזיין
איז די צייט פון בענקען,
די צייט פון בענקען לויערט אויף באהעפטונג.
צווייגן געבערן צווייגן,
בליטן באזאמען בליטן
עס זאָל זיך מערן דער דור פון פאלשן וואר.

קארג איז די צייט. און ווי א האזל נוס־בוים,
גיט זי ערשט די פרוכט אין שפעטן הארבסט.
דעמאָלט וועלקן שוין די פיראמידן פון ווילן
און ס'רייפן זיך די שעה'ן פון פארגיין.

ליד

אומעטיק איז דער אויפשטייג אין לעבן.
ווי א קערנדל מוז מען פוילן פאַרן אויפגיין.
גופים, דאָרן־בוימער, טליען מיט שטרעבן,
אָבער צווייפל קילט אונדז ווי ווינטערדיקע ערד דעם כריין.

אויף אונדזער האָריזאָנט וואָלקנס פון אויסדרויער,
וואָס באַפייכטן די טרוקענע נשמות ווי מיט רעגן.
כאָטש די פאַרוויאַנעטע בלעטלעך פון וואָר
וואַלגערן פון לאַנג שוין אויף פוסטע וועגן.

חלומות גרייטן אַש פאַר לעצטע מאָלצייטן,
און ווי רייף אויבסט צירקלט דער טרויער.
ס'איז דער ביסן ברויט מיט זאַלץ וואָס פענטעט ווי מיט קייטן,
זעט באַגערט דעם בעסטיאַלישן לויער.

מוזן ווי שאַרפע פיילן זיין די צילן
און הערצער ווי אין נאַקעטע צילברעטער.
ניט אַזוי דאָס דערגרייכן ווי דער ווילן.
איצט, ווען ס'פוילן די וואָרצלען פון די געטער.

מאַסע-מענטש

האַרבאַטע געשטאַלטן מיט פּנים׳ער פון תּליות
און אָדערן נאָכהענגענדיקע ווי שטריקלעך פון מאַריאָנעטן.
יעדעם נישטיק געשטאַלט קען קומען און ציען
די געפילן ווען די אויגן שטאַרנדיקע פון הונגער גליען.
טרייסט־ווערטער זענען פרענגעם אויף דעם נאַקעטן
לייב, וואָס צעפלאַמען דעם מאַרך אין ראַיענדיקע סקעלעטן
און צעברויזן ס׳בלוט ווי קוואַליקע טייכן אונטער פלאַכן
אייזיקע. ווי שפּאַרבערס, געררייצט פון זעט, וועלן זיי פאַלן
פון צווייגן־טעג אויף אָנגערויבטן פאַרמעג, צעפּאַכן
די אונטערגעבונדענע פליגל פון בייז און מיט די שנאָבלען
צעפּיקן די קערנער פון שלעכטס. זיי וועלן העלדזער שטרעקן
ווי קאַרפּינקעס מיט בלוטיקן כעס. שלאַנגען־קאַרבן אויף יעדן גוף
רוישן און ווילן די פּוסטע אינגעווייטן זעטיקן
מיט דעם ברויזנדיקן ווילן פאַר ברויט אונטערן פלאַטער פון רוף.

הונגעריקע מענטשן

ניט ווי יענע, וואָס זוכן רום אין לעבן
און ווילן דערגרייכן זייער ציל איבער שטעכיקע פּלויטן.
נאָר די, וועמענס אינגעווייטן מאָנען רעפּטלעך ברויט,
זיי וועלן מיט האַרץ־פּייערן זייערס דערשטרעבן.
ווי פּישערס וועלן זיי אייגענע נעצן וועבן
פאַרן לויער וואָס מאַכט ווייטיקן ווי א שפּיז רוט,
ווען ס׳לעבן איז אַ ימ׳יקער פּאָן געטונקען אין בלוט
און זאַט קומט אין קרישקעס פון פרעמדע טישן צו קלויבן.

זיי ווערן פון הונגער ווי פון שאָטנס באַגלייט
ווען זיי שלעפּן זיך אויף גאַסן מיט דאַרע טריט
און אין זייערע אויגן גליען אויף די קוילן פון צערן.
דאָס איז דער גרייטן צו יענעם מאָלצייט,
וואָס וועט שלאָגן וואָרצלען אין זייער געמיט
און וועלן פרעמדע גופים מיט וואָרקייט צעפּלאַקערן.

בעטלער

דער וואָס לענט אונטער מיט אַ שטעקן
זיין געבויגענעם גוף וואָס הינקט אויף וועגן,
טראָגנדיק אַ ליידיקע טאָרבע אויפן האָרבאַטן רוקן,
שטאַרנדיק פאַר זיך מיט פאַרנעפּלטע אויגן,
געראַמט אין סערפּן אָנגעגליטע;
דער וועט שוין אַזוי קריכן אויף שליאַכן ווייטע,
און די בלאַנע הענט קרייצנדיק שטרעקן
ביים זייען קערנער־טריט אויף זומפּיקע וועגן.

מיט שלעפּנדיקע פּיס וועט ער אַקערן טריט
אויף דעם צעווייקטן, טאָרפּיקן שליאַך.
און זאַפּן דעם איבל פון פּוסטקייט אין געמיט
ווי אַ שטייענדיקער, מאַכיקער טייך.
זיינע ליפּן וועלן שטענדיק זיין גרייט
אָפּצונאָגן פון דאַרע צווייגן ס'זוניקע בלוט.

בעטלער-געסט ביי בעטלער

זיי זענען געקומען צו אונדזערע שוועלן
מיט בעטנדיקע אויגן און אויסגעשטרעקטע הענט.
איז קיינער ניט פארשעמט געבליבן, כאָטש יעדנ׳ס ווילן
איז געקארגט געוואָרן. צווישן טריפנדיקע ווענט
האָבן מיר אונדזער האָב פון ברויט מיט זאַלץ
צעטיילט. די מאָגערע ביסנס האָבן זיי דערשלינגען
אין אַ באַזונדערן ווינקל אומצופרידן. און אַלץ
וואָס זיי האָבן געזאָגט דורך געשטשערביעטע ציין האָט געקלונגען
ווי טעמפּע סערפּן אויף רויע וואָרצלען אָפּגעהאַקטע.

זענען זיי ווידער געקומען מיט פּענכער־קעפּ און האָר
ווי ווערבע צווייגן
נאָכהענגענדיקע. און אויפגעראַיעט די פאַרלאַנגען אונטערדריקטע
פאַר שפּאָרנדיקע מעסטלעך ברויט מיט זאַלץ. מיט אויגן
לײַדיקע זענען מיר זיי אַנטקעגן געגאַנגען. געגרייט
טאָצן מיט אייגענע לייד, און מיט לײַדיקן זיי באַגלייט.

אין גערא̈נגעל פא̈ר זא̈לץ און ברויט

גייסט אַרום מיט אַווינט־געקנאָטן געשטאַלט,
מיט פלאַמיקן אָטעם אין טעג צעדריוולטע.
אין ארומען איז ענג די לויטערע וועלט
פאַר דיין נאַקעט ברוסטקעסטל און האָר צעשויבערטע,
איבער גאַסן — פאַרשטיינערטע בייטן — הויערט ליכט און שאָטן
פון צעפליקטן הימל. און אַ באַנגע זון
קנייפּט שטיקער פון אָנגעדראָלענעם פּנים. גלוסט זיך טרעטן
מיט הינקענדיקע טריט ווי אַ טייכל איינזאַם
אויף נאַקעטן פעלד. דיין האַרץ פּראַלסטו אויף
פאַר יעדן פאַרבייגייער צו ווייזן נויט'ס קאַרבן
פאַר פרעמדע גיריקע אויגן, ס'זאָל זיך אָנזאַפּן איטלעכן גוף
מיט דיינע צאַנקענדיקע באַגערן. און אויב צום שטאַרבן
איז יעדער גרייט, ברויזט דאָך ווילן פאַר זאַלץ און ברויט
זאַט צו באַגעגענען דעם פּאָך פון טויט.

ליד פֿון בויער

מיר ראָיען און ווימלען אין פֿאָס פֿון טאָג
ווי מוראַשקעס אויפֿן ברוינעם שטאַם פֿון בוים.
קערנער פֿון זעט רייצן אויף דאָס געיעג
אויף דעם גאָלדענעם גאַרב געמאָלן אין טרוים.
זיילן זון שפּרייטן שטויב אויפֿן וועג,
כוואַליעס ווינט פֿאַסעווען ס'נאַקעטע לייב
און נעפּלדיקע בלויקייטן מערן דער נאַכט'ס פֿאַרמעג.
אָבער דער פֿאָס פֿון טאָג צו דער זעט טרייבט,
און ווי אין יאָך דערהיצטע פֿערד
שלעפֿן מיר אָוועק דעם היינט פֿונם שפּעטער.
ס'איז די קרעפּטיקע מי וואָס דערנערט רויע ערד
און קיינעם קען ניט זעטן ס'ביטערקייט פֿון בלעטער.
אָבער פֿאַר די וואָס שפּייזן זיך מיט פֿרעמד ברויט
זיי דראָען די שאַרפֿן פֿון בליאַסקעדיקע קאָסעס.
אויף ברעגן טאָג בליאַנקען שוין פֿון מוט די ראַסעס
און טויט אויף תּליה'ס אין מאָרגן גרויט.

זיי וועלן קומען

זיי וועלן קומען מיט סערפּן און קאָסעס
צו מאָנען פון זייערע קערנער דאָס ברויט,
וואָס זיי האָבן געאַקערט, געזייעט, געשניטן און געדראָשן
מאַטערנדיק זייערע אויסגעצערטע גופים מיט טויט.
וועלן זיי ניט פאַרמיידן אייערע טירן מיט די פּאַסן בלוט
און די שפּע'דיקע היימען מיט די ליכט אויסגעלאָשן,
ווייל מענטשן פון נאַקעטע פעלדער וועלן קומען אין שטאָט
אויפּצוסערפּן מיט קאָסעס דעם פּעקבער פון גאָליקן סוד,
אַז איר עסט דאָס ברויט פון זייערע צייטיקע זאַנגען
און טרינקט דעם וויין פון זייערע טרויבן,
כאָטש איר זענט קיינמאָל דעם אַקער ניט נאָכגעגאַנגען
און קיינמאָל טרויבן־שטענגלעך אין דער ערד באַגראָבן,
זייער צאָרנדיקער פּלאַטער וועט אייך ניט מיידן
ווען זיי וועלן דאָס שלעכטס ווי דערנער פון בייטן פאַרשניידן.

שמידן

קאַלטע הונגער־טעג ווערן אריינגעשמידט
אין רונדקייט פון רייפן, אין גלייכקייט פון שטאַנגען
אָנגעגליט מיטן פייער פון זייער צאָרנדיק בלוט
פּאָלירט אין די טרוימען פון זייערע פאַרלאַנגען.

און ווען זיי שטייען ביי די גליאיקע הויפנס קוילן,
וואָס צווינגען ווייכקייט אויפן האַרטסטן שטאָל,
שפּיזלט זיך אין זייערע אויגן סודות פאַרהוילענע,
אַז זייערע גופים ווערן געזאַטיקט פון הונגער און גאַל.

קינדער באַצויגן מיט דאַרע בלאָנע הויטן
זויגן דעם איבל פון האַרבסטיקע בלאָטעס,
און וואַרטן הונגעריקע ווי קראָען אויף פּלויטן,
וואָס קאָן פאַר זיי ברענגען זייערע פאַרהאַרעוועטע טאַטעס?
אַז גראָע ווענט זענען געקאָוועט מיט געקרייציקטע גראַטעס
און פאַר מוסקולן איז געגרייט דער זשאַווער פון קייטן.

ראָבאָט

ווערט ראָבאָט געפורעמט אין אייזן־פאבריק
מיט א הארץ פון קאלטן מעטאַל,
מיט ווילן ברויזנדיקן געווירן אין עלעקטריק
און געפילן פארפלאנצט אין געהאמערטן שטאָל.
טויטע גלידער אין מענטשן־געשטאלט,
טויט ווי ס׳לייב פון געקרייציקטן גאָט,
וואָס וויגט אוים אויפן קרייץ פאר דער גאנצער וועלט
דעם נאקעטן סוד פון טויט.

ברידער פון איין שטאַם

אין דעם געקרייץ פון אונדזערע אויגן
שטעכן בליקן ווי שפּיזלען אַנגעגליטע,
און דער הענט־אַנריר איז ווי פון ווילדע צווייגן
וואָס מען האָט פון פּרוכט־ביימער ניט באַשניטן.
דאָך זאַפּן אונדזערע וואָרצלען פון די אייגענע קוואַלן
דאָס פייכטקייט. און דעמזעלבן בליאַקירטן בייט
האָבן מיר פאַר אונדזער מזבח געגרייט.
און ווי אורמענטשן אין די מאָכיקע היילן
דעמפּן מיר אונדזערע איינגעשרומפּטע טעג,
וואָס וואַלגערן זיך ווי בלעטער אויף האַרבסטיקן וועג.

וועלן זיך ווי פון קנאָספּן די סודות אַרויסטיילן.
מיר — ברידער פון איין שטאַם, וואָס זויגן פון רויע ערד
זעטיקע זאַפטן — מוזן זיך אויך גלייך צעטיילן
מיט די קאַרגע מאָלצייטן, ווען ס'לעבן מיט ריטער פון הונגער לויערט.

צו דיר, אויסטראַכטער פון נויט

מיטן געשטאַלט דיינעם פון שטאַרע, שטיינערנע אויגן
און גליאיקע ליפּן — ביסטו געקומען באַצווינגען
מיט האַרטקייט אונזערע לייבער, וואָס האָבן געזויגן
דאָס זאַפטיקע צאַרטקייט פון זונען־רינגען.
וויגן מיר זיך ווי אָלכעם ביי די ראַנדן
פון לעבן מיט בליענדיקן צוויט אין קאָרע הויטן,
און אז מוט וועט אונז גורטן וועלן מיר אָנצינדן
מיט אונזער פייער די צעדריוולטע קנויטן
פון דיין נשמה. און פון דעם אַש פון דיינע טרוימען
צוזאַמען מיט אונדזער ברויזנדיק בלוט וועלן מיר אויסקנעטן
נייע קערנער. עס זאָל זיך צעוואַקסן און מערן
מיט זאַנגען־רייפקייט דאָס גוטס אויף אונזער בייט.
אויב ניט, וועלן מיר מיט אויפגעשטעלטע קאַסעס קומען שטורמען,
און ווי דערנער פאַרשניידן דיין אויסגעטראַכטע נויט.

העקנער

הענקער מיט פּעטליע אונטערן אָרעם,
אין זיינע אויגן גליט און בליט דער צאָרן.

אַ טאָג — אַ זונען־קרייז — מיט הענקער אינמיטן.
אַלע סילועטן וויל ער באַגלייטן.

יעדער בוים, וואָס וועט אין פרילינג אויפבליען,
קען אים אויך געבן אַ קלאָץ פאַר אַ תליה.

הענקער און פּעטליע לויערט הינטער פּלויטן
מיט אַנגסטן אין די אויגן, ווי שניטער אויף בייטן.

האָב פריידיקע אין וויגנדיקע סקעלעטן —
הענקער מיט פּעטליע וויל יעדן באַגלייטן.

נעגעריש אַמעריקע

(פראַגמענטן)

פון אַלע ווינקלען לויערט שרעק

אויף איעדן פינצטערן נעגערישן בוידעם
הויערט סקעלעטישער טויט מיט הוילע אויגן
און גרילצט מיט געלע ציינער ווי סערפּן זעגן
אויף איעדן פינצטערן נעגערישן בוידעם.

דורך יעדן ברעקל נעגערישן פענצטער
הילכן יובל־געשרייען וואָס רעגן
דעם נעגערס האַלדז צו פּעטליעס אויף פּוסטע וועגן
און דאָס וויגן פון גוף אויף קרומע ביימער.

איעדער נעגערישער רויכיקער קוימען
איז אַן אָנזאָג פון שרעק וואָס טוט דערמאָנען
אַ הענגענדיקן נעגער איבער ברוינזנדיקע פלאַמען
איעדער נעגערישער רויכיקער קוימען.

אויף יעדער באַמאַלטער נעגערישער וואַנט
הענגט דער געקרייציקטער גאָט און ווײנט
אויף יעדן קינד זיינס וואָס איז געוואָרן געלינטשט
ווײנט יעזוס אַראָפּ פון יעדן נעגערס וואַנט.

ביינוול־קלויבער

ווי די ווייסע בלימעלעך אויף די ביינוול־פעלדער
וואָס וויגן זיך ווי זומער־פייגעלעך אין זוניקן ווינט,
אַזוי זענען ריין די הערצער פון ביינוול־קלויבער,
ווייס ווי די ביינוול־בלימעלעך אין זוניקן ווינט.

דאָ איז יעדער קלויבער גאָט'ס פּאַסטוך
פון סטאַדעס ביינוול־שעפעלעך אין זוניקע אַרומען.
טליעט אַ פרייד אין יעדן נעגער'ס האַרץ
און אויגן שפּיגלען גענאַד, ווי טייכן — פלאַמען.

תפילה פון אַ נעגער

אינם טונקלקייט פון קירכע־ווענט
קניט אַ זקן און זינגט אַ ליד,
פון דעם קרייץ יעזוס — אַ נעגער —
בליקט אַרונטער מיד.

— יעזוס! דיינע שוואַרצע קינדער זענען ווי קראָען
הונגעריקע אויף אַ וויסט, שטיינערדיק פעלד,
פון דיינע אַנצאָליקע געלינטשטע קינדער
קען דערציילן יעדער בוים אין וואַלד.

בויגט יעזוס דעם קאָפּ אַרונטער,
וויינט ווי אַ קינד אין וויגל.
— כ׳וואָלט אפשר געקאָנט העלפן,
קלאַמערן מיך די נעגל.

הייליקע סימבאָלן

אזוי דאַרפן נעגערס טראַכטן
אַז קראָען זענען באַשאַפן געוואָרן
צו שוועבן אינדערלופטן
אַלע זייערע הונגעריקע יאָרן.
און שלעפן שאָטנס געקרייציקטע
איבער הענגענדיקע נעגערס
וואָס טאַנצן איבער פלאַמען
געהילט אין רויכיקע געוועבן.

קראָען־שאָטנס — סימבאָלן געהייליקטע
פון נעגערס פיינלעכן לעבן.

באַלאַדע פון נעגער טאָם

סע האָט טאָם א מעסער אַ שאַרפן
און אויגן ווי מייזעלעך קליין.
טאָם האָט געוואָלט אַן אַנקער אין לעבן פאַרוואַרפן,
אָבער ער איז געבליבן מיט געהויבענע הענט שטיין.

— טאָם! דאָס לעבן איז א געווירבל,
וואַרף ס׳מעסער און סע גייט בלוט.
יעדע שעה איז אַ קריסטאַלן שערבל,
וואָס דו צעטרעטסט מיט אייגענע טריט.

סע האָט טאָם א מאַמע אַן אַלטע,
דערציילט זי מעשיות פון פינצטערע טעג,
אַז דער נעגער איז פון גאָט פאַרשאָלטן —
דער ווייסער אַלצדינג מעג.

ווערט טאָם אָנגעצונדן,
ס׳מעסער פּוצט ער מיט הוילער צונג.
טאָמ׳ען בייסן אַלטע וואונדן,
ווייסע העלדזער גיב אים פלינק.

חלומות בליען אויף ווי נעפּלען אין דער זון.
ביימער—שערענגעס תליות—געריגגלט מיט פלאַקערדיקע שייטערס,
און א נעגער הענגט אויף יעדן בוים,
געטונקען אין פעך, אין פייער געלייטערט.

פליקט טאָם די לאָקן פון קאָפּ,
א פּאָך מיטן מעסער, דעם נעגער אָראָפּגעשניטן,
איבער ענדלאָזע ביינוול־פעלדער אין גאַלאָפּ,
אַז ס׳זאָלן פאַרפרירן אַלע ליידן.

— טאָם! — דאָס לעבן איז ניט קיין חלום,
ווען מען דאַרף טאָג נאָך טאָג קוילן אין אויוונס וואַרפן.
טאָם — א שפּענדל — אין דעם שטראָם,
וואָס מען קען ניט איבערשניידן מיט טויזנט שאַרפן.

אַ באַנג באַגעגענען

די רעפּטלעך אויף מיין טיש האָבן ניט באַצוואונגען דיין זעט,
ווען דו, אַ שטויביקער, האָסט אַריינגעהונקען אין מיין שטוב
פון לאַנגע, הונגעריקע וועגן. און כאָטש ס'איז ליב
געווען דיר צו שפּיגלען זיך אין מיינע אויגן, האָט
אָבער נאָך ברויט דיין גוף געוויטיקט. און די שפּע פון לייד
איז אומעטום פאַרשפּרייט. ביזט בייגעקומען בלינדגדיקע רעגנס
אויף שיידוועגן
און קרירה ווינטן אויף פרייען פעלד, פּענעצלעך רעגנבויגן
און פּערלדיקע וואָלקנס קענען ניט זעטיקן קיינעם'ס איינגעווייט.

אויך דער אָנבליק פון טויטע פייגל, הענגענדיק אויף אַ פּלויט,
האָט צעגריזשעט די מאָגערע ברעקלעך פרייד
פון טרעפן מיך. ווידער האָבן וועגן געלאָקערט נאָך איידער מיין באָרד
האָט דיין שטויב פאַרווישט. אָט דאָס אָרט
פון קאַרגן מאָלצייט וועט ניט פאַרווישן אפילו דער טויט.
מיט אַנגסטן זיך באַגעגנט, מיט פרייד זיך צעשיידט.

קוילן גרעבער

I

מיט לאָמפּן אויף די קעפּ,
שטעך־העק אין די הענט,
נידערן זיי געשווינט אראָפּ
אין אָפּגרונטן פון שווארצע ווענט.

וויגן זיך שאָטנס אויף פינצטערע ווענט,
רייסנדיק שטיקער פון שווארצן שטיין.
הונגער־טאַנץ פון גופים אין אָפּגרונט
צו זייער שטומען געוויין.

לאָמפּן באַלייכטן דעם טרויער
וואָס רוט אויף מאָגערע געזיכטער,
הונגער־זאָרגן בריען ווי פייער,
אויגן גליען פון טרערן פייכטע.

אינדרויסן קאָלערן זיך זונען
איבער הימלען בלויע, פעלדער גרינע,
און דאָ דריקן יעדנ׳ס הארץ פּיינען,
טעג פינצטערע פאר הונגער לוינען.

און וואָס טיפער די גריבער ווערן געגראָבן
פאר די מאַטע, שווארצע דימאַנטן,
דערמאָנען זיי זיך אין ברידער קברים
און מינעם ברענענדיקע פארשאָטן.

אינדרויסן קאָלערן זיך זונען
איבער די גרעבער׳ס גראָע כאַטעס,
וואו הונגעריקע קינדער וויינען אוים זייער צער
און דעם צער פון די טאַטעס.

און ווייבער און מאַמעס פאַרטרויערטע
טראָגן אַ יאָך פון באַנגען,
טאַטעס און זין אין קברים אייגן געבויטע,
וואו ווינטן פייפן אויס קלאָג געזאַנגען.

ווייגען שוואַרצע קרומע ווענט
אויף לעבנס טרויעריקע און ביטערע,
דאָר ברויט אין שוואַרצע הענט
און טעג זוניקע געביטן אויף פינצטערע.

II

אויף שוואַרצע פעלדער רויכיקע באַטעס,
וואו נויט וואָיעט פון יעדן קוימען.
אויף שוואַרצע פעלדער קינדער באָרוועסע,
קינדער הונגעריקע ביי פוסטע היימען.

צאַנקען גופים ווי גליענדיקע גליאַוונעס,
אויגן מאַטע — דאָך טליען פונקען טרוימען.
פלייצעס בייגערדיקע טראָגן דעם יאָך
פון בייזע מענטשנ׳ס צוימען.

III

לאַמטערן־רינגען רינגלען שוואַרצע שאָטנס,
וואָס באַוועגן שטעכהעק פאַר מאָגערע ביסנס ברויט.
שאָטנס שאַרן זיך אין טונעלן ווינטיקע,
שאָטנס באַוועגן דעם ריטם פון נויט.

אין היילן ליידיקע בליט אויף די שרעק.
אויגן פינקלען אויס די סודות פון פייערדיקע פליגלען,
וואָס וועלן מיט טויט איבער גופים פאָכען
אין די שוואַרצע טונעלן ווי אין שטורעם־ווינטן — זעגלען.

דעמאָלט טראָגן בייזע ווינטן שוידער געשרייען,
און שטויביקע מאַסע פאַרגליווערט דעם טאַנצנדיקן גוף.
שפּעטער, אַז שטעכהעק צערייסן די שוואַרצע וואָלקן,
זעט מען פאַרגלייזטע אויגן קוקן אַרויף.

IV

אין היילן זענען זיי, ווי מוראַשקעס, איינגעגראָבן
מיט שרעק אין די אויגן פאַר שאָכטעם ליידיקע.
זיי שאַפן אוצרות פאַר יענעמס וועגן,
און אַליין עסן זיי דאַר ברויט מיט ווינטן שטויביקע.

פונקען פון שטעכהעק זענען זאָמען פון טויט,
וואָס יעדער גרעבער מיט דער שטאָכהאַק פאַרזייעט.
אין כאַטעס אָרעמע בליט אויף די נויט,
ווי דערנער אין מאָגערן קאָרן בייט.

און אַז עס קומט די צייט פון וואָרן דערלייזן,
ווען דער הונגער איז שוין ווי רייפע רוירן דערוואַקסן,
און זאַט מיט נויט זענען שוין אַלע זייערע גלידער,
קומט מען זיי איינצוימען מיטן גליווער פון ביקסן.

פון לעצטן מאַלצייט

דער צאַרטער רייץ פון שטיינערנע ליפּן
אויף אַ קאַלטער מאַסקע פון טויט,
דערמאָנט אונדז אינם לעצטן מאָלצייט
וואָס איינער האָט פאַר זיך געגרייט,
און ניט געהאַט צייט זיין כוס אויסצוזופּן
און ניט דערגעסן זיין אָרים שטיקל ברויט
וואָס יעדער מוז פאַר זיך פאַרדינען.

דער טריפנדיקער באַגער פון ברעמען
אויף אַ קאַלטער, שטיינערנער מאַסקע פון טויט
וועט שוין פון קיינעם גאָרניט מאָנען.
זיי האָבן אַלץ שוין געהאַט צו דער זעט.
אין יאָרן פון פויל, אין טעג פון זאַמלען
הונגעריקע שעה׳ן מיט בריענדיקע פאַרלאַנגען פאַר ברויט
אונטער זוניקע אָדער פאַרכמאַרעטע הימלען.

צו אַ געשטאַלט אין שוואַרצן

פון דיינע טריפנדיקע ברעמען ווייעט טרויער,
און אויף דיינע באַקן איז ווי אויף פּאַרמעט
אָנגעשריבן אַ פאַרבאָרגענער באַגער
וואָס גליט אויף דיין קאַוואַדלע־האַרץ, און ס׳האַמערט
אויס יעדער אָדער פון דיינע טעג אַ שטייג
פאַר דיר, וואו דו שטייסט געבויגן
און קריצסט מיט די ציין ווי זעג אויף זעג,
שפּיגלענדיק דיין לעבן אין טרערנדיקע אויגן.

אין אַזאַ שטייג קענסטו גרינג אויסמעסטן
דיין לעבן און דיינע קאַרגע באַגערן
מיט סטענגעס ביטערע, קאַלינע־יאָרן
פון טראָגן די פּיינלעכע וואָגיקע לאַסטן
פון צו קריגן פאַר זיך מאָגערע ביסנס ברויט
און זאָרגן פאַר אַ קבר, פאַר אַ פריען טויט.

ביים שטילן ראַנד

אין דײַנע װיִאַנעדיקע אױגן
װיגנדיקע טײַכן פֿרייד,
װאָס גליװערן שױן מיט קאַלטקייט.

אין דײַנע טעג פֿון באַנגע װעגן
האָסטו פֿון איטערדיקער זון געזױגן
צעיוירן זױערקייט.

איצט, אַז טעג ליגן
װי צעפֿױלטע עפּל בײַ דײַן שטאַם,
װערט דאָס לעבן אַ ברױזנדיקער ים
װאָס װיל דיך אַ שטילן דערװױגן
צו אַ טױטן ברעג.

פּאָרטרעט

דיינע כמאַרנע אויגן שפּיגלען אָפּ דעם צער
פון הונגער־טעג. דיינע בליאַקירטע האָר דערציילן
פון יאָרן פּאַרוויטאָקטע, קאַרגע און דאַרע.
נאַקעט האָבן זיך אויסגעטאָן די געפילן
אויף דיין געל און סענקעוואַטע געזיכט.
קנאָדערן זיך קנייטשן, ווי געקנופּטע שטריק,
ווען דו טראַכסט פון דעם ציל וואָס דו האָסט געזוכט
און באַגערט, טרעטנדיק אויף אַ טרוים בריק.

אין וואָר זענען די שטיינער געווען הארט
און שפּיציק, שניידנדיק די פיס ביי יעדן טריט.
אַזוי אינם גאַנג איז דאָך די באַרירטע ערד
געווען אַזוי ווייט, ווי ס׳קען אַ זאַטן זיין ווייט
איינעמס הונגער געשריי. דאָס וואָס איז געווען פרעמד
פאַרשטייסטו איצט. ווייס געוואַשן זאַמד בלייבט זאַמד.

יידים

יאָרן קינדערישע געקייטלט און געפלאָכטן.
איבער באַזילבערטע שניי־בערג געצויגן
אַרויף צו הויכע וועלטן אויסגעטראַכטע
אין ראַמען פון שוואַרץ־געהילטע, ברוינע אויגן.

הויערן רויטע זונען אויף ביימער צעבליטע
וואַרפנדיק שפּיזל־שטראַלן און שטראָמען פון טייכן.
פלאַקערן וואָלקנס אויף קרוינען צעגליטע
און בערג הילען זיך אין פורפורנע טויכן.

וויפיל זונען האָבן באַגלייט דיין אויפגאַנג
און יעדן מאָרגן דיינעם אין ווערמיליאָן געהילט?
וויפיל גלעקער האָבן מיט נאַקעטן געקלאַנג
געציילט דיינע שעה'ן אין דער באַנגער וועלט.

דיינע טעג זענען ווי דראָטן שטעכיקע אין שלאַכטן
וואָס צוימען די קברים אין אַרומען צעזייעטע.
און אַזוי הייַנט ווי אין גראָע נעכטנס
היטן קרומע ביימער שליאַכן טויטע.

יאָרן מיידלשע — נעצן פון פרייד —
געטונקען אין טייכן פון ביטערן טרויער.
צעהאַנגען אויף שטאַמען צעפּוילטע פון אַלטקייט
ווי אויף זקנה כלות — חופה־שלייערן.

סאַרנע פאַרבלוטיקטע אויף גרינע בייטן
אין ווינט וואַרפט אַ קלאָג יעדע זאַנג,
וועלכע זון וועט דיך מיט טרויער באַגלייטן
אין יענעם טאָג פון דיין באַנגען פאַרגאַנג?

אויפשריפט אויף אַ פּאָרטרעט

דיין מאַטער, שמייכלענדיקער שאָטן,
אָפּגעדרוקט אין פֿאָדערגרונט פֿון צעבראָכענע פּלויטן,
וועט פֿאַרפֿירן פֿאַרלאַנגען אין אייזיקע צוויטנס
און מאַכן צוילן צעבראָכענע שערבלעך פֿאַר טאַטן.

אַ שטאַם אַ נאַקעטער מיט אָפּגעשיילטע הירשן־הערנער,
און אויגן וואָס שפּיזלען אין וויאַנעדיקער ווייט.
ביזט געקומען לענגערן אויבס אין צווייגן צייט
האָבן דיינע וואָרצלען זיך געביטן אין דערנער.

ביזט אויפגעגאַנגען מיט אַ האַרץ — אַ פּענכער,
און פֿעסטע טריט פֿון קלאָרן ווילן־געמיט,
ווי צום צער׳לעכן טאַט דער געגורטער הענקער,
וואָס געפֿינט אין טויט פֿריידיקער צוויט.

אויף ערד׳ס פֿלאַכן אין גאָרער אַליינקייט.
ביי צעבראָכענעם פּלויט אַ פֿאַרגליווערטער שאָטן.
אַ דרימלענדיקער דאָן קיכאָט, מיד פֿון שטרייטן,
ליגט אָנגעלענט אויף אַן אייזל אַ טויטן.

און וואַקלענדיקער שפּרייט אין הימל ווייט,
חופּה גרויע אויף דיין דעמבע שטאַם.
ביסט אַ כוואַליע בויג אין שאָטן־ים,
און ווערסט פֿאַרשוועגקט אין ווינטיקן געשפּרייט.

יעמענ׳ס גיריקע בליקן אויף דיין שאָטנדיק בילד
מיט צאַרטן ציטער אין ברויזיקע גלידער.
שטייסט פֿאַר יעדן מ̄יט געפּרוירענע גלידער,
אין ברוסט־קעסטל איז דאָס האַרץ געשטילט.

אין קאָפּ ליגט פֿאַרגליווערט אַ וואָרער געדאַנק,
וואָס ציט דיין געביין צו יענע ענדן.
אַלץ ביז איצט איז בלאַנק,
פֿאַרגליכן צו די טרעפּ פֿון אויפגייענדיקע ראַנדן.

* * *

נים אין פעלן זענען זיי געבוירן געוואָרן
און פעדערן האָבן זיי ניט באַצירט.
נאַקעט שטייען זיי אין ווינטיקן ווייען און שטאָרן,
זיי זאָלן ווערן פון טויטע בלעטער באַרירט.
און ס׳זאָלן זיך אריינשניידן די הארבסטיקע צווייגן
אין זייערע קנאָכיקע לייבער און געלע הויטן
און דערשלינגען דאָס גאַליקייט אין ניכטערע אינגווייטן
און איינזאַפּן דעם צער און בלוט פאַרנעפּלטע אויגן.

ווען זיי, ווי שלאַנגען, זייערע גופים שלעפּן
איבער די ראָסע פון געראָטענע דערנער־בייטן,
ניט געאַקערט און ניט געזייעט און דאָך בליען אַלע ווייטן
מיטן ביטערקייט פון קאַלינעס און אַגרעס. זופּן
זיי אויס די גאַליקע טאָרבעלאַך און שטוינען
ווי מ׳נעמט אַזוי פיל טרערן דער וועלט׳ס צער אויסצעווײינען.

אַ מענטש אַזאַ

א מענטש אזא — א קופּע ביינער —
וויזט זיין שאַנד דער גאַנצער וועלט.
טאַנצט אויף קוליעס און ווערט באהעלט
ווען ס'הענגט דער אומעט ווי גרעט אויף פּלויטן.
ווײנט און לאַכט מיט שאַרבן געלע ציינער,
רינצלט זיין הויט אין באָרדע קראטן
בינדט און לאַדעוועט פון טרויער סטויגן
דרעשט זיי אין זיין האַרץ און מאָלט
פאַרבענקטע נגונים אויף פרעמדע שטיגן,
צעפּליסט די טראַכט אין גאַנצער וועלט
ווי זויערער וויין פון צעלעכערטע קרוגן.

איז ער — דער לאָמער בינדער פון די גאַרבן,
וואָס וואַנדלט זינגענדיק אויף בייטן־גאַסן און טיילט
ביטערע זכרונות־קערנער פון שטאַרבן.

צו אַ פרײַנד

מירא׳ן

איז וואָס, אַז ס׳גלוסט זיך מיר איצט צו זינגען
וועגן דײַנע רויטע באַקן און ליכטיקע אויגן?
דו האָסט דאָך מיך קיינמאָל מיט דײַן טרויער ניט באַצווינגען.
מיך — אַ יונגן בוים מיט נאַקעטע, דאַרע צווײַגן
אויסגעשטרעקט אַנטקעגן אַ נידעריקער ווינטער־זון,
וואָס פֿאַרשפּרייט קרירה קעלט אין ווײַטע זוניקע אָרומען.
טאָ זיי דו, די וואָס מוטיקט און צינדט אָן
אַלעמענס הערצער מיט פֿרייִדיקע פֿלאַמען.

איצט, אַז ס׳שימלען אין שאָפֿעס דײַנע טעג,
ציען דאָך הימלען אַלץ ווײַטער ווי דו קענסט דערזען.
און באַגערן צאַנקען צו טרעטן אויף יענעם וועג,
וואו דײַן יונגער גוף האָט אָנגעהויבן טריט פֿאַרזייען.
דאָך שטייסטו טרויעריק און רײַסט און שענקסט אוועק
בלעטלעך פֿון דײַן בלום אין צײַט פֿון רײַפֿן בליִען.

לעבעדיקע סטאַטוע

שטייסט אין געווירבל פון לעבן
מיט אַ ווינגדיקן ערדענעם קאָפּ,
וואָס ריזלט און שפּיזלט מיט שטרעבן
ווי וואַסער־רינגען נאָך יעדן טריפּ־טראָפּ.

דיין פּנים אין ליים אַריינגעקנאָטן,
ווי אויף שויבן בליאַקירטע סילועטן.
און אויגן וואָס ציילן די שאָטנס
פון פינפאַך צעלאָמעשעטע מאַריאָנעטן.

געשטאַלט אין גראָען

אויף גראָע גאַסן
וואַנדערט ער אַרום
מיט אַ גראָ פּנים
און גראָע אויגן.
פון זייגע גראָע האָר
טריפט צעטאָפּיעטער טרויער,
זיין געביין הייבט די קרייזן
פון גראָע טעג,
אַזוי אינעם פוילן שפּרייזן
וויל ער דערגרייכן
דעם גראָען ברעג
פון ליכטיקער דערליייזונג.

וואַגאַבונדן

פאַרהילטע אין גרויען קרייצן זיך זייערע אויגן
איבער דאַרע גופים וואָס טראָגן דעם אָנדענק פון וועגן
שטויביקע. זייערע הערצער צוקן ווי פייערפליגן
און שטאַרן דער זינקענדיקער זון אַנטקעגן.
אין סקעלעטן — אַ קוישן־געפלעכט פון ביינער —
זאַמלען זיי אויסגעבעטלטע טראָפנס פרייד.
און בלוט־אויסגענאָגטע טעג פאַרזייעט יעדער איינער
אויפן שליאַך, ווי בלאַסע בלימעלעך אויף קאָרן בייט.

שלייכנדיק, ווי מוראַשקעס, בייביימער שטאַמען
וואָס רעגן מיט הויכע בליענדיקע קרוינען,
ווילן זיי אויך אַזוי גרויס זיין. אָבער הערצער צוימען
זייערע קאַרגע באַגערן און פאַרוויאַנען
די ליכטיקע אויגן. וועלן זיי ווי יעגערס לויערן
אויף יענעם טאָג, אויפצוגיין דורך ליכטיקע טויערן.

פון לעצטן מאָלצייט II

צווישן שוואַרצע זיילן ביי אַ טיש אַ געגרייטן
זיצן מיר צוועלף מיט דערנער־קרענץ אויף די קעפּ,
און אויב אונדזער וועג וועט זיך ציען איבער טרעפּ
פּאַרבלוטיקטע, זענען מיר נאָך אַלץ גרייט
אָנצונעמען גערן דעם פֿריען טויט.

ווי אויף קוואַרע בייטן, רויע, איבערגעקערטע שטאַמען,
וואָס זאַפּן מיט ציטערדיקע מיילער ערד׳ס קראַפט,
אַזוי זענען מיר, ווי קינדער פֿון איין מאַמע׳ן,
וואָס זויגן פֿון ערד׳ס אייטער דעם גאַליקן זאַפט.

צווישן שוואַרצע זיילן — אונדזער לעצטער מאָלצייט,
אויף ווייסן טיש געגרייט קיילעכדיקער טרויער.
מיט פּענכערם רויגן זענען מיר געקומען זייען פֿרייד
אין לעבן פֿון בליענדיקע בייטן. אָבער ווי רוירן
שלאַנק און רייף זענען דערוואַקסן די זאַנגען פֿון טויט.

יידים

אין דיין צירקל דערזע איך ליכט
פון מיניאַטור גוף און אויגן אויפגעפראַלטע.
באַגערן האָבן אויסגעקנאָטן דיין געזיכט,
דיין לאַנגל־האַרץ האָט די געפילן באַהאַלטן.

זענען דיינע רייד ווי טויטע שפּאַרבערס,
וואָס זייען טראָפּנס בלוט אין פאַלנדיקן פלי.
פאַר דיר איז די וועלט אַ שטאָלן שטייגל,
רייסטו די שטאַנגען מיט בלוטיקער מי.

EGO

כ׳שענק מיין אייגנס פֿאַר פֿרעמדע מאָלצייטן
און שפּייז מיך מיט דאַר, פֿאַרשימלט ברויט.
ווי גליאַוונעם גליאַיקע שפּיזלען מיינע אויגן רויט
אויפֿן געלויף פֿון יאָרן אין שווינדלדיקער ווייט.

זקנים הויערן אויפֿן ראַנד פֿון לעבן
און ציילן זייערע טעג אין קנאָספּן גראָע האָר.
כ׳שטייג זיכער צו זייערע הויכן און בין דער
וואָס פּלאָנטערט זיך אין שעה׳ן פֿון שטרעבן.

טעג מיינע טוקן אויף העלער פֿון זילבערנע קרויטן
צו פֿאַנגען די שטראַלן פֿון קרייזנדיקע זונען,
פֿאַרווייען זיי ווינטן אויף טויט ווייסע לאַנען
וואו ס׳צאַנקען נאָדלביימער, ווי יאָרצייטן,
און גרינע טויכן אין וועלדער וויאַנען
און הילן מיינע טעג אין בלעטער טויטע.

בלי אויף מיין האַרץ

בלי אויף מיין האַרץ
אין די ראַמען פון גרויע ארומען,
ווען יעדנ׳ס לעבן איז קורץ
אויף די סענקעוואַטע שטאַמען.

שעה׳ן — דאַרע צווייגן
— מיט שפינגעוועבן פאַר טראָפּנס פרייד.
און ליפּן זענען גרייט צו זויגן
פון דאַרע פּענכערס נייע צייט.

איך גיי נאָך דיינע טריט...

יידיסן

איך גיי נאָך דיינע טריט ווי א שאָטן,
איז אזוי ליב צו שפּאנען אין לויטערן גאנג.
ווילן ווערט א קוואַל מיט אייז געקנאָטן
און שארווערט צום לעבן מיט קריסטאָלענעם געזאנג.

— יעדער טאָג ווערט א בלאנקער חלוּף
איבערצושניידן די צארטע פעדים פון קנויטן
וואָס ווערן געשניטן מיט מי. ווען רייף,
ווערן אונדזערע גופים ווי גאָלדענע ליין צווישנס. —

און ווי א שאָטן ווייטיק איך אין דיין ליכט.
כ'פארטרוי מיין זיין פאר דיין געצילטן גאנג.
מיינע ברעמען זענען סערפּן איבערן געזיכט
צו פארשניידן מיט יעדן בליק גרימאסן פון געזאנג.
יעדער טריט דרוקט זיין צייכן מיט געוויכט.
יעדע דורכגעגאנגענע שעה ווערט באנג.

לידער צום ים

1. אויפרוף

צעווייג דיינע כוואַליעס, ים!
צינד אָן מיט גרינעם פלאַם מיינע אויגן.
ברויז אויס די סודות פון דיינע טיפן.
צעשפּליטערטע אין אָנצאָליקע ברעגן.

רודער אויף דו גראָז־גרינער ים.
רויש און טויש דיינע זילבערנע וואַסערן,
פורעם אויס חיות פון דיינע כוואַליעס
און באַציר זיי מיט קאַראַלן פון שוים.

זויג אויס דעם מאַרך פון אַלע טייכן,
וואַש די פיס פון אַלע ברעגן,
און ווען די זון וועט איבער דיר נידערן,
צעגיס איר בלוט אויף אַלע שליאַכן.

צערייס דעם סוד פון די נעפּלען,
לייג דעם הימל אין דיין שליאַמיקן שוים.
פאַרוואַרף דיינע אַנקערס און בייזע ווינטן,
צוים זייערע פערד אין דיין שפּאַן.

2. אין דיינע טיפן

ברויזן שוואַרצע וואָלקנס אין דיינע טיפן,
וועקנדיק אין טרויער די פאַרזונקענע שיפן
וואָס האָבן אַראָפּגענידערט אין דיינע איינגעווייטן
צו דינען קניענדיקע דיינע באַזילבערטע ווייטן.

ראַיען דערוואָרגענע אין דיינע תהום׳ען
מיט שוידער און בלויע אויגן פלוימען,
וואָס וועלן זוכן און באַגערן
דיין פערל טיף אַלע יאָרן.

3. פישער

אויף דיינע צעקנאָדערטע פלאַכן
בליען רויטע נעפּלען,
ווען פישער פאַרוואַרפן
טעג געשפּינענע נעצן
מיט זשאַווערדיקע שאַרפן.
שעה׳ן געקנופּט אין דיינע בלאָע הויטן,
אין דיינע טאַנצנדיקע טראַכטן.
אויבן אָנצאָליקע גופים
זויגן דעם טרויער פון דיינע ברוסטן
אין ראָזעווע פאַרנאַכטן.

אויף דיינע פּורפּור פאַרבן
ווען זיי שוין אזוי לויערן
און הויערן
ביזן שטאַרבן.

4. שטורעם

וואסער שוים שאָרוועט און שפּיגלט
רעגנבויגנס אויף געלע ברעגן,
ווען דו שפּילסט דיין קאָלירן ליד
אויף גרין־מאָכיקע האַרפן פעלזן.

ווערן בלויע הימלען מיט ווערמיליאָן געצונדן
און שטורעם כוואַליעס רייטן
אויף ראָזעווע ווינטן.

5. תפילה

די וואָס קאָלערן זיך אויף דיינע זוימען
אין אַ בלאָען באַגינען,
לאָז זיי רואיק דערשווימען
צו די פאַרזאָרגטע נאָנטע אין די היימען.

די וואָס פאַרוואַרפן נעצן
אין דיינע דיכן,
באַשירם און לאָז דערגרייכן
די פרוכט פון זייערע רויגן.

צו אַ מאָלער

מאָלער, זע!
פון דיינע בילדער, וואָס האָסט געמאָלן
הויבן אָן צו בליאַקירן די קאָלירן.

געל ווערן די גרינע טאָלן
ביימער לאָזן אין טרויער אראָפּ זייערע צווייגן.
שניטערס שטייען אָנגעשפּאַרט אויף קאָסעס
און סערפּן
און האָרכן
אין באַנגען שווייגן.

מאָלער, זע!
דיינע טאַנצנדיקע קינדער
שטייען געבויגענע און פאַרשטאַרטע
מיט עלאַסטישע גופים פאַרדאַרטע,
מיט פּנים'ער געשוואָלענע פון הונגער.

דיינע קוויטן און בלומען
הויבן אָן
פאַר דער צייט צו וויאַנען.

קאָלירן פון גרין און געל, ראָז און רויט
ווייען איצט מיטן אומעט פון טויט.

ס'האָבן אויפגעהערט צו שלייכן
דיינע לאַבערדיקע טייכן
און צעפוילטע שוין אינגאַנצן
ליגן אין זומפּן די פלאַנצן.

מאָלער, זע! דיין זון־פאַרגאַנג
האָט פאַרשמירט אַלע ביימער מיט בלוט.
פון דיינע פייגל הערט מען קיין געזאַנג,
האָסט באַלד אַלע צעהאַנגען טויט.

קאַלירטע פייגל מיט פליגל צעשפּרייטע
וויגן זיך אויפן הימל טויטע.

האָסט זיך געוויס ניט געריכט אויף אַזאַ שניט,
מיט פרייד האָסטו געזייעט
און מיט האָפענונג געוואַרט
אויף צייטיקע עפּל און גאָלדענע קאָרן.

אויף דער עלטער ווערן ביטער די יאָרן,
ווען דו זעסט ווי דיין אויסגעטרוימטע וועלט
דאַרט און קוואַרט,
און ווערט פאַרגעלט.

סעזאָנען

די מאַסקעס פון אונדזער יוגנט
וועלקן שוין אין די מיראַזשן פון שטיין,
ווי ס'בליאַקירט ס'רויטקייט פון ציגעלנע ווענט.
ס'איז אַ וויאַנען פון קאַשטאַן ביימער אין בלייכן שיין.
ס'איז אַ גרייטן זיך פון פייגל צו פליען נאָך מערב.
מיטן רייפן זיך פון קערנער רייפט זיך ס'פאַרגיין.
מיטן רייפן זיך פון אויבס רייסן שנאָבלען זיך אַרויף
צו וואָלקן־הויכקייטן, וואו ס'בליען גירליאַנדעס פון שיין.

אינמיטן לעבן בליט אויף דער צער
פון ניט זיין אין זיין און עס שטאַרן
אין יעדנ'ס געדאַנק די בלעטלעך פון וואָר,
וואָס צירן די טעג מיטן געלקייט פון דאָרן.

אויפן ראַנד פון יאָרן מאַרינירן
מיר די פרוכטן פון הלומות. און
מיט אַ לעצטן פליגל־פלאַטער ווילן מיר דערשפּירן
דער טרויער פון אַ ווינטער־זון.

ביי דיין שטאַם, אַ הויל׳ער בוים

געהילט אין די נעפּלען פון פרימאָרגן
שטיי איך ביי דיין שטאַם, אַ הויל׳ער בוים!
און באַגער דעם האָניק וואָס אין דיר פאַרבאָרגן.

כ׳וויל זעטיקן מיינע שעה׳ן אָן צוים,
איצט, אין דער ווארער אויפגאַנג־צייט.
און זיך אָנזאַפּן מיטן רויט־צעשטראַלטן הימל־זוים.

ווייל דער ווינטיקער אָנזאָג פון גרינער פרייד
האָט אויפגעבלאָזן דעם וואַלדיקן פלאַם,
און ווי א רייף קאַלערט זיך דער טאָג אינדערוויַיט.

דאָ — אין דעם ליכט פון א מילדן, בלאָען ים —
וויל איך אָנטפּלעקן דעם וואָרן באַשייד
פון דערנענטערדיקן טאָג געהילט אין ראָזעווען שליאַם.

כ׳וויל גורטן זיך מיט מוט ווידערצושטיין דעם פאַרנאַכט,
ווי ס׳שטייט ווידער קעגן פויל — דאָס זויערקייט אין פרוכט.

צו אַ שניטער

דער פֿלאַמיקער באַגער
פֿון דײַן דויער
באַצווינגט און באַפֿעלט
דו זאָלסט צוימען דײַן ברעקל וועלט.
און ווי אַ שלאַנג
לויערן
אויף קערנערדיקן פֿאַנג,
און אין באַהעפֿטונג מיט קאָסע־שטאַנג
טרויערן.

אימפּרעסיע

די גרין געפֿלעקטע קלאַפּער־שלאַנג
קען ניט פֿאַרשטיין קיין געזאַנג.
קען נאָר דערפֿילן
אַ טריט אַ שטילן.
בלויז איין שפּרונג
און אַ לעק מיט דער צונג
ווערן די בלאָע וואונדן
מיט טויט אָנגעצונדן.

צו אַן עפּל-בוים

צו דיר, בוים, וואָס ביסט אַליין געשטאַנען
אין אויסשפּרייט פון פיל קאָלירטע לאַנען,
האָסט געוואַרט ס׳אויפגיין און פאַלן פון געטער
ווי ס׳אויפבליען און פאַרוויאַנען פון דיינע בלעטער.

צו דיר צוימער פון ווינטן צו דיינע באַגערן,
יעדער געווין פון בלאַט טיילט אויס קלאָרע טרערן,
און בלעטער כוואַליענדיקע אין ווילדן רעגן
גיבן אויך אַ דאַך אַ וואַנדערער אויף פוסטע וועגן.

יעדער בליט לאַקערט אַ זוניקע, געלע בין,
ווי דער פליג די פּורפּורנע געוועבן פון שפּין.
געזעטיקט מיט זאמען, וואַרפסטו ווייסע בלעטלעך אַרום
די נערוועזע קאָרע פון דיין וואָרצל־שטאַם.

עפּל געגרינט פון ריינע, מאַרמאָרנע הימלען.
באַפליגלטע באַשעפענישן ראַיען און ווימלען
אויף טראָפּנס זאַפט, וואָס דו האָסט אין שפּאַן
געזויגן פון אַ רויטער שקיעה זון.

און ערד האָט פולע ברוסטן דיר געגעבן,
ס׳האָבן וואָרצלען פון טיפע קוואַלן געזויגן לעבן.
עפּל האָבן זיך געראָויטלט און גערייפט
און זון האָט זיי מיט אירע קאָלירן געשטרייפט.

און אַז דעם זומער הויבן אָן קאַלטע ווינטן צו קעמען
די לאַנגע גרינע ווערבע צעפּ מיט וויאַנען,
ווערן לייטערס געפלאָכטן אין דיינע צווייגן
און קוישן זאַמלען דיין זומערדיק שטייגן.

יעדער עפּל, אַ גרין־ראָזעווער שמייכל,
האָלט געפאַנגען די זון ווי אַן אַראָפּפליסנדיק טייכל.
דו, אַ שטאָלצער, גיסט אַליין אָפּ דיין גאָב
צו צאַרטע הענט, וואָס רייסן דיין אויבסט מיט לויב.

די עפּל, וואָס קלעטער האָבן ניט געקענט דערלאַנגען,
צירן דיך ווי קאָראַלן און וויגן זיך אין דיינע שאָרך־געזאַנגען.
זיי וועלן אין רייפער צייט פאַלן און פוילן ביי דיין שטאָם
ווי אין פאַרנאַכט ס׳פאַרגייט אין וויאַנען אַ רויטע זון.

שוין רייסט דער ווינט ס׳אויבסט פון די צווייגן

שוין רייסט דער ווינט ס׳אויבסט פון די צווייגן
און די זון צעברענט ס׳גאָלד פון די בייטן.
פון זומפּן שוועבן אויף סטאַיעס פייגל אונדז צו באַגלייטן
אויף די אָנצאָליקע האַרבסטיקע וועגן.
אין אַרומען בליאַקירטע, גאָלדיקן זיך שטרוי־סטויגן,
שוין אַלץ אויפגעגאַנגען, שוין אַלץ פאַרשניטן,
די רעשטלעך פון זומער וועלן ווינטן צעטרעטן,
וויאַנען וועט זיך וואַלגערן אויפן קוואַל׳ס שפּיגל־אויגן.

שוין איז צעטאַפּיעט ס׳גרינקייט פון לאָנען,
סטאַדעס דערפּרעסן די לעצטע גרינע שפּורן,
כאָטש עס צירקלען נאָך שפּע׳דיקע זונען
צירט זיך דאָך אַלץ מיט בענקענדיקן וויאַנען,
און דער ווינט רייסט ס׳אויבסט פון די צווייגן
און צינדט קנויטן פון בענקשאַפט אין אונדזערע אויגן.

לבנה-נאַכט

זילבער שטויב
ליגט צעשפּרייט
אויף דעכער.
ווייען עס ווינטן און טייכן
צעטראָגן עס וואַסערן
איבער דער גאַנצער וועלט.

גראָע פערד
גאַלאָפּירן אויף שליאַכן
שוועבן זיילן זילבער
אויף פעלדער.

שטרעקן זיך שאָטנס
פון פעלדער און פעלזן
צו צאַמען די גראָע פערד
פון דער בלייכער לבנה.

שפּעט זומער II

ווי שפּינען קלאַמערן מיר זיך אין דער זון
מיט ביינערדיקע הענט און פּנימ'ער אין פאַרביקייט געטונקען.
אויגן בלענדן אויף אין א וועלט פון אַלטן גרין.
ביימער, ווי לאַמטערנעס, אין זוניקייט צאַנקען.

שפּינגעוועבן פון רו אויף פיל פאַרביקע לאַנען
ביימער פאַרזייען האַרבסט מיט געלע בלעטער.
איז ליב אין מילדקייט פון שפּעט־זומער צו שפּאַנען.
איינזאַם האַרץ און בלאַט באַהעפטן זיך אין איין ציטער.

האַרבסט

ווען נעסטן פֿון קראַנקע פֿייגל ווערן געוואָרפֿן
פֿון ביימער, ווערט אַ מאַסט יעדעס צווייגל,
און יעדער בלאַט אַ שטייפֿער געלער זעגל
אין שטראָמען פֿון זיילן שטאָלענע רעגן־שאַרפֿן.

ברענגען בייזע ווינטן טרויער געזאַנגען,
ווען ס׳בלוט פֿון דער זון טריפֿט פֿון אַלע צווייגן,
ווי דער ווייַן פֿון רייפֿע בלאַנע טרויבן,
וואָס ווערן אין קלעם פֿון ווייַנפּרעס געפֿאַנגען.

גרוילט דער אומעט אויף טעלעפֿאָן־דראָטן,
צעטראָגנדיק אין ווירבלדיקע אָרומען געוויינען
איבער הויערנדיקע גראָע וואָלקנס אויף נאַקעטע בייטן,
וואו ס׳האָבן אָראָפּגעגנידערט גרויסע, רויטע זונען
און אָנגעצונדן דעם הימל אויף אַלע בערגזייטן
מיט קאָלירן פֿון פֿאַרוועלקטע קווייטן.

ווינטער

אָפּגעשניטענע פּעלדער מיט ווייסקייט באַצויגן,
ווי טישן געגרייטע פאַר לעצטע מאָלצייטן.
מיט שטאַרנדיקע שטרוי־וואָרצלען אויף מאָסלאָזע בייטן
און צאַנקענדיקע נאָדלביימער נעבן זומפּיקע וועגן.

גראָע זקנים־ביימער זענען פאַרגליווערט און שווייגן.
פאַרטויבט פון האַרבסטיקע רעגנס און דאָס שאָרכן
פון געלע בלעטער. זייערע קאָרע־סענקעס האָרכן
איצט צו די עלעגיעס פון ווינט אויף האַרפּע צווייגן,

וואָס שטאַרן ווי די פּיס פון שפּינען צו פאַנגען
די זון — אַ שוועבנדיקע, פלאַמיקע פליג — צו טרינקען
איר בלוט און לאָזן ווינן אין ווייסע געוועבן
איר פאַרשטאַרטער גוף. מיט טרויער באַצווינגען
ווערט יעדעס צאַפּלדיק האַרץ פון רויטע וואָלקנס, וואָס צאַנקען
אויס ווי קנויטן די באַנגע שעה׳ן פון לעבן.

ש נ י י

ווי הענט ציען אָדערדיקע צווייַגן ווינטיקע בלאָז־זעס
אונטער די שייטערס פֿון וואַלקנס וואָס שטרעקן
זיך איבער בערג ווי אויף קאַוואַדלעס,
און אונטער די קלעפּ פֿון בלענדנדיקע האַמערס
פֿאַלן באַזילבערטע פֿונקען.

אידיליע

אַזוי פיל גענאָד אין וואַרעמע היימען
מיט ערדענעם גליוועך אויף באַלויכטענע קעפּ
און זעטיקע פרייד אין שיסלען ליימענע,
קעפּ, ווי טויטע פייגל, הענגען אַראָפּ.

באַקן רויטלען זיך, אויגן קוקן אַריבער
שיסלען ליידיקע און גאַרטלען סילועטן
פאַרשנייטע פון טעמנע אָלכעס. אין שטיבער
וואַרעמע אַזוי פיל גענאָד. מיט רו לאָקערן בעטן.

היל מיך טאָג

היל מיך טאָג אין דיינע זילבערנע וואָלן.
כ׳וויל אויפגיין ווי אַ זון אויף דיינע רויטע ראַנדן.
ווי אַ בוים שטרעקן שטעכיקע צווייגן צו שיילן
די ראָזעווע נעפּלען פון דיינע וואונדן.

איך, אַ יונגער בוים, וויל שפּראָצן בליטן,
און אַ זונען־קרוין און כמאַרנע הימלען וויגן,
זייען בלי־בלעטלעך אויף נאַקעטע בייטן
און מיט וואָרצלען־טריט איבער וואָלקנס שטייגן.

גיב מיר, טאָג, דיינע קלאָרע, בלויע אויגן,
כ׳וויל לענגערן דעם וועג פון טויכן געטראָטן.
פון דיינע שאָרהווענדיקע קוואַלן די קאָלירן אויסזויגן
און מיט דיר פאַרגיין אין שקיעה־שאָטן.

יעדער פֿון אונדז ווערט אַן אומעטיקער קלײַאָן

מיר פֿאַרגייען אין דײַנע טיפֿן, אָ טאָג!
און זויגן פֿון זייַלן זון דעם רויען זאַפֿט.
האַרבסט־ווינט האָט געבראַכט דעם בלעטערדיקן אָנזאָג,
אַז ס׳יונגע גרינקייט האָט ניט קיין האַפֿט.
שטייען מיר געבויגענע בײַ די ליימיקע קוואַלן,
ווען דער ווינט רײַסט און בײַסט ס׳אויבסט פֿון די צווייגן.
זע! זעט פֿוילט אין רויטע און גרינע שאָלן
און קוואַל שפּיגלט דעם טרויער פֿון די אויגן.
קלעפּן אונדזערע שאָטנס אויף דעם קילן שטיין,
ווען האַרבסט־רעגן וואַשט אָפּ דעם זומער פֿון וועגן
און טעג וויגן זיך, ווי לאַמטערן־רינגען — מיט גרויען שײַן.
זענען עס בלעטער וואָס צירן אונדזער פֿאַרמעג
מיטן געלקייט פֿון גאָלד און העלקייט פֿון ווערמיליאָן.
יעדער פֿון אונדז ווערט אַן אומעטיקער קלײַאָן
וואָס לאָזט אויף זײַנע בײַטן וויאַנען זונלאָזע טעג.

מיט דער גרויער קאָסע פון צייט

מיט דער גרויער קאָסע פון צייט
שנייד איך זאנגען־טעג פון מיין לעבנס־בייט.
בינד בינטלעך — לאָדעווע סטויגן,
דרעש זיי אין זכרון
און מאָל שעה׳ן־קערנער צווישן יאָסלע־זעגן.
און מיט יעדער שטויביקער מינוט
שפייז איך מיין מאָגער געמיט.

כ׳וויל די חלומות־פּלעוועס פון ווינט אויפקלויבן
צו באהאַלטן זיי אין מיינע קאַלטע שטובן,
פון די הויפנס שטרוי מיינע פארגאנגענע טעג
וויל איך א געלעגער מיר אויסבעטן
און ווי א הונט וואכן
און היטן
די קופּעס חלומות־פּלעוועס —
מיין איינציקער פארמעג.

כ'בין דער געפֿאַנגענער פֿון דיין שאָטן

ויידיסן

כ'בין דער וואָס איז געוואָרען געפֿאַנגען
אין דיין טאַנצנדיקן, זוניקן שאָטן.
ווען כ'האָב ווי א זומער־פֿייגעלע געוואָלט טרינקען
דעם זאַפֿט פֿון דיינע בליענדיקע, זילבערנע קווייטן.

שטאַרט מיין פֿרילינגדיק לייב.
אין דעם ציקל פֿון דיין זיין
כ'בין ווי א מעווע געקומען רויבן
פֿון דיינע גרינע ים־טעלערס פֿענעצלעך זון.

חלומות ווי שייטעס טליענדיקע אין ווייטן
וועלן אויפֿפֿלאַמען מיטן ראָסט פֿון סנאָפּעס און ווערבע־צווייגן.
וועלן מיר טרינקען די פֿאַראייליצטע ראָסע און זיך גרייטן
צו זינקען פֿאַרבענקטע אין באַנגען שווייגן.

טראַגיש געשטאַלט

אויף דיין געקרויזט שייטל — ווייסע קאַרבן
וויגן זיך ווי בלעטער אין ריטם פון ווינט.
ס'געזיכט בלענדט מיט מאַטע פאַרבן
וואָס נאָר טויט קען מאָלן ביים שטאַרבן.

אויף בלייכע באַקן די טרער וואָס רינט
איז א טראָפּן שיין פון דיינע אויגן.
יעדער גאַס איז א גראָער לאַבירינט
וואָס ווערט מיט טעג פון די באַשפינט.

אַט מיט קראַנקע טריט אויף זאמדיקע וועגן,
מיט ים־שיסעלעך און מאָכיקע יאָרן
ביסטו געקומען זיסע זאַפטן פון דער ערד זויגן.
און מיט מילך־זוימען באַהעפטן נייע רויגן.

וועט אזוי דיין גוף אין שוידער פון רעגן שטאַרן.
און ווי א שוואַם איינזאַפּן אַלע טרוים באַגערן.
און ס'האַרץ וועט אויסבריען אַלע צערן,
און ס'האַרץ וועט אויסוויטיקן אַלע צערן.

שפעט זומער

ווי הויפנס זאמד פליסט ס'לעבן דורך די פינגער.
טעג, ווי פורפורנע בלעטער, פארוויאנען.
אין געדאנק בלייבט אש פון אן אינדיאנער זומער
וואס איז מיד אין יאָך פון בליטן צו שפאנען.

און באנג זענען די טריט אויף בליאקירטע בייטן
ווען שעה'ן, ווי עפל, וואלגערן זיך ביי יעדן שטאס.
די רייפע צייט פון פשוט'ן אויפגיין
ווערט דערטרונקען אין ענגען אָוונט־פלאם.

ווי ברוינע אויגן קוקן פלוימען צום פארגאנג
און עפל פאלן גערן אין בייכיקע קוישן.
לייטערס אין צווייגן — קלימאקסן פון אויפגאנג,
זון־געברענטע סילועטן ווילן די שפורן פון זומער פארווישן.

אָבער מינוטן ווי וואָרצלען גראָבן טיף און טיפער,
שעה'ן לייטערן זיך אין פיין פון פארגיין.
נאָך הארבסטיקע ווינטן און פוכאווע שנייען
וועט זון ווידער מוטיקן צום אויפגיין.

ליד פון אַנטוישונג

אין אונזערע גערדאַנקען זענען אויסגעמאָלט צילבערעטער.
הערצער טרייבן און שטראָמען דעם פּלוס פון לעבן.
מוסקולן באַוועגן דעם שפּאַן פאַרן פּענעצל ברויט
און זאָלן, דאָס איז דער ציל פון פּשוט׳ן שטרעבן.

אזוי גייען מיר אויף צו אויסגעקלערטע הויכקייטן
און שעפּן מיט פולע הענט פון לעבנ׳ס ברויזיקע טייכן.
דאָך זענען געצוימט אונדזערע טעג מיט גראַטעס און קייטן,
און סטרונעס פון בענקשאַפט באַגלייטן אונדזער דערגרייכן.

און ווי טענער פון פליטן ציט זיך דער טרויער,
טעג קנוילן זיך אין אויפגיין און פאַרגיין.
די פאַרוויאַנעטע חושים וועט אפילו דאָס זון־פייער
ניט דערמונטערן. שעה׳ן צאַנקען מיט בלייכן שיין.

שלייכן מיר אָפּגעצערטע אין די רעגנדיקע ווינטן.
אינמיט פון לעבן איז דער קרייצוועג נדבות צו קלייבן.
פאַרבאָרגן שטייען דערלייזערס און בינדן אייגענע וואונדן
און מיר פאַרמאַטערטע מוזן אין אליינקייט בלייבן.

ע ר ד

צי אונדז אריין אין דיינע טיפן
ווי די פארוויאנעטע ווארצלען,
גיב אונדז צו זייגן דיינע זאפטן.

וועלן מיר אויפגיין אויף שטאמען,
בליען אויף יונגע צווייגן
און שטארן מיט גרינקייט דער זון אנטקעגן.

און אויב ס'איז אונדז באשערט
ווי פרוכטן צו פאלן אויף דיינע
הארבסטיקע פלאכן, —

באגראב אונדזערע קערנער,
מיר זאלן ווידער אויפפגיין
אין יונגע בליטן.

דאָרשטיקע ביי דיינע קוואַלן

מיט העלדזוער לאַנגע,
ווי וואַסער־שלאַנגען,
זענען מיר געקומען טרינקען
יונגע גרינקייט פון דיינע קוואַלן.

טריפן טראָפּנס פון מאַכיקע שטיינער
און פאַרשווינדן שמייכלענדיק אין וואַסער־רינגען.
בלעטער באַהעפטן זיך אין אָפּשפּיגלונג פון ביימער —
שאָטנס געקרייציקטע אויף האָרבאַטע שטאַנגען.

מידע אין דיינע קרייטעכצער־זומפּן
מיט בלוטנדיקע טריט פון באָרוועסע פיס.
הונגעריק ? — זויג דעם מאַרך פון גרינע וואַמפּן,
יעדעס ביטערקייט ווערט דאָ זיס.

ווי געלע האָריקע בינען
זענען מיר אויף דיינע בליטן געקומען
צו קלויבן וואַקס און האָניק
פון רויטע און בלויע בלומען.

פאַרשלייכן שעה׳ן מיטן באַרגיקן שטראָם,
שעה׳ן פון באַגערן און ניט דערזעענעם אָנקום.
ווערט אַן אָנלען יעדער דעמבע שטאַם
פאַר מידע טויכער אין גרינעם ים.

ברוסטן נאַקעטע פאַר דיינע דערנער.
שאָטנס געקנאָטן אין לויזן ליים.
ווען ס׳מינדסטע ווינטל האָט קילע הערנער
וואָס בראָדזן די חיה׳שע רוקנס פון שליאַם.

מיט אויגן געצונדענע ווי גלי־ווערים
גאַפּן מיר און ווילן געפינען
אונטער דעם שקיע שיין פון רויטע, שייטער זונען
שעה'ן פון זינען.

שטרעקן זיך הענט ווי פליגלען פון ווינט־מילן
און ליפּן ציען זיך ווי קרוגן צו זייגן
די כחות פון ווינטן וואָס ווען שטילן
די ווייטיקן איבער שטעכיקייטן צו שטייגן.

וועגן מענטש

דעם מענטשנס געדאַנק טליעט ווי אַ פֿייער
וואָס שפּינט קאַלירן אין קנוילן און זיילן רויך.
גוטע מינוטן פֿלעכטן זיך און קלעטערן אינדערהויך
כאָטש אינדערנידער דערברענט ס׳מיסט פֿון אַ זייער.
דאָס זאַמלען פֿון גוטע מינוטן קומט אין שאָלן פֿון טרויער,
פֿאַר יאָדרעס זיסע ווערן אייליק די געשטשערביעטע ציין.
מישט מענטש זיינע מאָכיקע חושים און וויל דערגיין
די הוילע טיפֿן פֿון זיין גרויליקן לויער.
און די ראָזעווע מאַרגנס וואָס בליען פֿאַר אים אויף
לאָזט ער אַראָפּקייקלען ווי שטיינער אין בלאַנקען אָפּגרונט.
גיב, גיב אים מעווע פֿליגלען צו פֿליען אַרויף, אַרויף,
אַז ער שטייט און פֿאַרוואָרפֿט אַנקערס אין פּוסטן ווינט.
די נעפּלען פֿון זיינע חלומות שאַרון פֿאַרביי געשווינט,
דער אָנקום פֿון וויאַנען לויערט פֿון אַלע בייטן.
האַרבסט גרייט צעפּוילט פֿאַר לעצטע מאַלצייטן
און ביים ראַנד פֿון יאָרן ווערט קיינער ניט געשווינט.
מוז דער, וואָס שפּינט זיינע טעג ווי פֿון צווייטן ליין,
דערטאַפּן מיט זיינע טריט דעם וועג צוריק.
שעה׳ן קען קיינער ניט דערנערן ביים בלייבן שטיין,
אין ווינט רייסן זיך אויך מאַסטן פֿון די שטריק.
מענטש אָבער שפּינט פֿון זיינע טעג אָנצאָליקע געוועבן,
זכרונות מאַרינירט ער אין זיין דאַרן שאַרבן,
אים לאָקערט דער אַרויפֿפּליסנדיקער טייך פֿון שטרעבן
און מיט שעה׳ן צירט ער זיך ווי אַ פֿאַסטוך־שטעקן מיט קאַרבן.
זיינע פֿאַשנדיקע טריט ציען ליניעס אין געמיט,
אין צירקל פֿון רונדע זון זאַפּט ער שטראַלנדיקע קראַפֿט.
ביים שיידוועג שטייען זקנים מיט קאָסעס פֿאַרן לעצטן שניט.
זייערע הונגעריקע ליפּן זייגן פֿון קאָרע זויערן זאַפֿט.
ווי פֿייגל צירקלען זיי זיך אויס דעם גאַנג.
נעסט צוימט אַרומען, שפּיזל־אויגן זוכן קערנער.
יעדער וויל די הויכע הויכקייטן דערלאַנגען,
יעדער וועט דערהיטן זיין האָב מיטן שטעכיקייט פֿון הערנער.
אָבער פֿאַר אַזאַ מענטש, וואָס פֿאַרנעמט דעם זאַמדיקן אָנזאָג פֿון ווינט
פֿאַר אים פּערלט זיך דער גאַנג צו פֿלאַכע ווייטקייטן
איבער שטעכיקע ים־שיסעלעך שפּאַנט ער געשווינט
און זאַמלט אין האַרץ־טאַרבעלע סודות פֿון שטרייטן.

נזירים

מיטן אָנקום פון ווינטער
גייען אויף צו אונדז נזירים
מיט דעמבע גופים,
באַשלייערט מיט בלעטערדיקע בערד
און גראָזיקע האָר.

אָנגעזאַפּט זענען זייערע סאַרנע אויגן
מיט מאָכיקע סודות פון וועלדער,
און דערציילן פון מאָגערע קרייטעכצער
וואָס האָבן זייערע שלאַנקע גופים דערנערט
מיט דעם מאַרך פון ערד.

ווי הונגעריקע הינט שלייכן
זיי איבער גאַסן און הויף צו בעטלען
און שפּאָרן פון מאָגערע ביסנס ברויט
דערנערטע מינוטן לעבן.

פרעמד זענען געוואָרן די בלעטער־בעטן
און דאָס טוליען זיך צו זוויגנדיקע שטאַמען
ווען ווינטן האָבן זיי מיט קעלטן געקנאָטן
און אַ נידעריקע זון האָט געצונדן קאַלטע פלאַמען.

און אַז בלעטער האָבן זיך מיטן ווינט געלאָזן,
האָבן זיי די זוניקע לייבער מיט טראַנטעס ווידער באַקליידט.
געוואַשן די פּיס אין די ראָסע פון פּאַרוויאַנעטע גראָזן
און סטאַיעס פייגל האָבן זיי צו שטאָטישע וועגן באַגלייט.

דער גייער

גרויע וואָלקנס הילען אַרום זיין גוף.
טרערנדיקער טרויער וואוינט אין זיינע אויגן,
זיין באָרד קעמט דעם בלעטערדיקן ווינט,
זיין סענקעוואַטער שטעקן מעסט אויס אַלע וועגן.

אַז אַ ליידיקע טאָרבע וויגט זיך אויף זיין גוף
נאָגן זיינע ליפּן אויס די וואַרעמע איינגעווייטן
פון מאָגערע טעג. און זיין יעדער בויג איז פון אַ בוים
אַן אַלטן, מיט הענגענדיקע קאָרע אין ליינענע צויטן.

זיינע באָרוועסע טריט זענען טיפע אַקער־שניט
אויפן זומפּיקן וועג. דאָס איז זיין מאָסלאָזע בייט
וואָס ער אַקערט אין איבל געקייטלטע טעג,
און אין יעדן שניט קערנער פון פּיין ווערן פאַרזייט.

דאָרע צווייגן שטרעקן זיך צו אים, דעם מידן גייער,
ווען געדאַנקען קנאָדערן זיך ווי פּלעמלעך ליכט
אויסגייענדיקע. אין כמאַרנקייט קריצט אויס די קרירע קעלט
קלאָג־קנייטשן אויף זיין פּאַרמעטן געזיכט.

פאַר אים ציען וועגן מיט אַ קנויליקן פּלאָנטער,
זענען פּעלדער לייבלעכע פאַר אים דער אָפּהאַלט
אָפּצעטיילן זיך ווי אַ וואָרט פון גאַליקייט
צו שלייכן פּריי צו אַ זוניקער וועלט.

זיין אָנקום באַגעגנט דאָס שאַלן פון שוידער,
הערצער, ווי ברוינע ברויטן, טראָגט מען אים אַנטקעגן.
שניידט ער טריפנדיקע פּענצעלעך, טונקט זיי אין זויערקייט,
און גלעט ווידער דאָרע ריטלעך אויף פּוסטע וועגן.

זקנים

פנימ׳ער צעקנאָדערטע ווי די קאָרע פון אַלטעביימער;
אויף זייערע געבויגענע קעפּ פאַלבן זיך גרויע האָר,
ווי די ריגגען פון רעגנטראָפּנס אויף מאָכיקע טייכן.

אָנגעלענט זיצן זיי אויף בינטלעך יאָרן
ווי אויף קופּעס שטרויען, וואָס האָבן אַמאָל שעה׳ן
זוניקע אין פּלעווע טאָרבעלעך צום ווינט געוואָרפן.

זאָרגן בריען ווי דער אָנריר אין צעבליטע דערנער.
זאָרגן פון פּיין איינגעמאַרינירט אין זכרונות
און בייסיקער טראַגיק מאַכט פילן דאָס לעבן.

אין זייערע טרוקענע שאַרבנס גראַבלען זיי אויס,
ווי מיט הינערשע פּיסלעך, די באַמאָלטע שערבעלעך
פון דעם אָנגעראָיעטן הויפן מיסט אין לעבן.

מענטש אויף וויסטער ערד

וואָס פאַר אַ ווערט
קען האָבן אַזאַ גאָב,
אַז איינער שטייט און גראָבט
וויסטע, שטיינערדיקע ערד
מיט אַ טעמפּן אַקער?
ווען אין צעצונדענע האָריזאָנטן
שטייען אַלכעס און פּלאַקערן,
סאָסנעס און דעמבעס פּלאַקערן
אין צעצונדענע האָריזאָנטן.

און טויט זענען די זאָמען ווינטן,
זיי זאָלן אין די אויפגעטייעטע, קווארע גראָזן
כאָטש פּוסטע בלומען פאַרזייען.

דער אַקערער, וואָס האָט
דאָס אַש פון חלומות אויפגעבלאָזן,
ווייסט איצט דעם גאַלן סוד,
וואָס רייסט און בייסט
מיט גרוילן זיין נשמה.
אַז פאַר אים זענען די טעג
הויפנס פאַרטרוקנטע וואָרצלען פון גראָזן,
און ווי בושלעם שווארצע און לאָמע
הינקען די נעכט אוועק.

זיין לעבן — אַ פאַרזשאַווערטע זעג
מיט אַנצאָליקע אויסגעשטשערבעטע ציין —
מוז ער אַ הונגעריקער און באָרוויסער גיין
אויף זיין לאַנגען, באַרגיקן שלאַנגען־וועג,
באַגלייט פון אַ געקאַרבטער, דאַרער צווייג,
וואָס וועט מעסטן זיינע טריט.

ער — מיט אַ צעקנאָדערט פּנים
און צעלעכערט האַרץ —
וועט זייען קערנער־בלוט
אין ווייטע זוניקע אַרומען.

רעקוויעם אויפן טויט פון א. ש. זאַקס

סע האָט טויט פאַר אונדז אַ מאָלצייט געגרייט
פון גאַליקע בשורות און אַש מיט ברויט.
אַז ס'האָט איינער געאַקערט, ס'האָט איינער געזייט
און ניט געשניטן די זאַנגען פון דערוואַקסענעם בייט.

אזוי איז אויפגעשטאַנען אַ מענטש צום הויכקייט
פון פשטות און פאַרגאַנגען אין גסיסה שעה'ן זאַט
מיט קאַלינע־זאַפט און קאַרגע טראָפּנס פרייד,
וואָס יעדער באַגערט און יעדער איז גרייט
צו זויגן אפילו פון אַ ברייענדיקן דאָרן־צווייג.

און דער, וואָס האָט מיט זיין פייער אָנגעגליט
די גראָע רייפן פון אונדזערע באַנגע טעג,
האָט אונדז געפירט און געגעבן דעם באַשייד
צו די פלאָנטערדיקע געצן געשפּרייט
אויף אונדזער באַרגיקן נעפּל־וועג.

פאָכן איצט שוואַרצע פליגל אין פוסטן ווינט
צו דער ערד, בייגן זיך פאַרוויאַנעטע ביימער־קרוינען,
וואָס רעגן אונדזערע געפילן און דערמאָנען
ס'טרערנדיקע טריפן פון רויען שטאַם אין אונדזער היינט.

מיר, אָנצאָליקע ראָיענדיקע און טרויעריקע פריינט,
הערן נאָך דעם עכאָ וואָס דיינע ביינערדיקע הענט
האָבן אויסגעשפּילט אויף אָדער־סטרונעס.

איז באַהאַלטן
אין אונדזערע ברוסטקעסטלעך הערצער־באַראַבאַנען,
וואָס באַגלייטן דעם ריטם פון די געוויינען
אויף דיר, אָרימער דיכטער פון חרוב'ע וועלטן.

באַלאַדע פון פרייען מענטש

ביי רויכיקן אַש און אָנגעגליטע שטיינער,
צווישן שטאַמען פון אָפּגעזענגטע ביימער,
האָט מענטש געהויערט, האָט מענטש געקייט
די קרישקעס פון זיין מאָלצייט.
אַזוי דאָ אין וויסטן ברעג
האָבן זיך צעבראָכן די אַקסן פון זיינע טעג.
איז ער געזעסן, געוואַרט, געבלענדט מיט די קנויטן
פון זיינע טליענדיקע אויגן.

שעה'ן פון טראַכטן
האָבן אים געריגנלט אין די פלאַמיקע פאַרנאַכטן
און געדאַנקען האָבן זיך געשפּינען.

— שפּעט, מען דאַרף זיך גרייטן
צו קאָלערן מיין פעסל־גוף אויף בריענדיקע וועגן.
אפשר וועט אימיצער קומען אַנטקעגן
איידער ס'טוקט אוים דער פלאַם פון די אויגן.
איז גוט כאַטש אַ ראַיענדיקן גוף באַגעגענען
און קרייצנדיקע ווערטער זאָלן טריפן ביים געזעגענען.

אַזוי האָט דער אומרו פון זיין האַרץ געשלאָגן
און געהילכט אין דעם חלל פון זיין ביינער־געפלעכט, און ווי צווייגן
האָבן זיך אָדערן געריסן צום אויפגאַנג.
זיינע לונגען האָבן געפּאָכעט מיט געקאָוועטן מוט און פאַרלאַנג.
אין מח־לאַמטערן האָט געקרייזט אַ וואָלקן־פליגל און געוואָלט
פאַרהאַלטן
דעם קאָלערדיק גוף וואָס האַלט אַלץ אין זינקען
און זייעט אויף זיין וועג צעבליטע קערנער־פונקען.

סמאַליען די זיג־זאַגן פון געדאַנק און ווילן פאַרנעפּלען
די געצונדענע רעדער פון זיינע גראָע נעכטנס.
אַזוי איז מענטש אויפגעגאַנגען פון אומגעריכטע
קערנדלעך זאָמען, וואָס האָבן זיך געטראָפן
אין באַגערטע, העלישע מינוטן אים אַ גוף צו געבן.

און אז אקסלען צעוויגן זיך ברייטע
און ס׳פּנים פֿאַלדעוועט זיך ווי קאָרע,
איז גוט דעמאָלט צו טראַכטן וועגן אריינשטופּן אין אַ נאָרע
אַ שטיקל אָפּגעזונדערטע וועלט.

א רויטער ראם
ווערט דאָס הארץ, וואָס שפּיגלט אָפּ ווי א ים
די קאָלירן פֿון דער גאָרער וועלט.

אָבער צווישן ווענט
ווערט יעדער א געקרייציקטער מיט צוגענעגלטע הענט.
ווענט און שוועלן צוימען יעדנס געקאַרבטן ווילן,
און דאָס אָרימקייט שפּיגלט קאַלט דער נאַקעטער טיש און שטולן.

פֿורמט מענטש אין זיינע ווארעמע צעלן
רחמנות צו זיך אַליין אויף איינזאַמע וועגן.
צו הויכקייטן רייסן זיך, ווי פֿליגל, די אויגן
ווען יעדעס ברעקל ערד א קבר באַשערט.
און ווי גלי־ווערים צינדן זיך מינוטן.

וועט ער איינזאַפּן אין זיינע דאַרע אינגעווייטן
דעם אומעט וואָס טוט אים באַגלייטן,
און מיט געפֿליגלטע טריט וועט ער טרעטן
זיכער צו אויסגעטרוימטע ווייטן.

טויט פון אַ מענטש מיט אַ זינגענדיק האַרץ

(באַלאַדע)

האָט אַ מענטש געוואָלט זיך פון זיינע טעג אָפּטיילן,
האָט ער איבער דער וועלט אָנגעהויבן וואַנדערן,
די הענט, ווי צווייגן, אויפגעהויבן און צעשפּרייט
אַנטקעגן דער זינקענדיקער זון. און די פייער־פליגן
וואָס שוועבן פאַרביי ווי אייגענע מינוטן האָט ער געוואָלט פאַרהאַלטן
פון זייערע פינצטערע ווייטן.

האָבן גלי־ווערים פון פרייד
איבער זיין וויגנדיק לייב אָנגעהויבן קריכן,
און באַצווינגען זיין טרויעריק האַרץ ס'זאָל זינגען
צו דער וועלט וואָס זיינע נאַקעטע אויגן האָבן באַנומען
אַן אויסגעלייטערטע אין טרויער.

אין יעדעם ביימל
געוואָרן אַ גרעבליע אַזאַ מיט וואָס מען קען צעראַיען
דאָס אייגענע ביסל פרייד ווי מאָגערע, מידע ערד.
און ווי אַ זינגענדיקער באַגרעבער, וואָס ווערט באַצווינגען
פון יענעמ'ס טרויער,
אַ קבר פאַר זיך אַליין אויסגראָבן ביים שיין פון הונגער,
וואָס גליט ווי אָנגעפלאַמט אייזן אין יעדן דאַרנדיקן גוף.

האָט געצאַפּלט אין אים דאָס זינגענדיק האַרץ.
זיינע דרימלענדיקע ברעמען זענען פייכט געוואָרן ווי אין לוזשעס
ברוינע גראָזן. קאַלירן פון דער זינקענדיקער זון
האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּיגלען אין זיי און זיך פלעכטן
מיט די טענער, וואָס האָבן ווי וואַסער־רינגען
צירקלענדיק זיך געשפּרייט
און דאָך דערגרייכט בלויז אים אַליין.

מיט אַ פּנים פון פּיין צעקרימט
האָט ער זיך אָנגעהויבן טאָרגלען אויף דער ליבער ערד,

וואָס האָט ביז איצט זיינע מאָגערע ביסנס ברויט צוגעטיילט
און וועט אים אויף אַ קבר פאַרגינען. ער האָט געוואָלט
פאַרשטיקן אין זיך דאָס געזאַנג וואָס איז געפלאָסן
פון זיין צעלעכערט ברוסט־קעסטל.

זיינע הענט און פיס האָבן
ווי וואָרצלען אין דער ערד זיך געגראָבן. שפּעטער —
אַז ער איז אַ מידער מיט אַ געשטילט האַרץ געבליבן ליגן אין דעם קבר
וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין געגראָבן —

האָבן זיינע יאָרן
געוויינט איבער אים ווי ווערבע־צווייגן פון ווינט אויסגעדרענגטע.

סימבאָלן פון אַ מענטשנ׳ס לעבן

עס צעטאַפּיעט זיך די פרייד ווי שאָטנס אין ליכט
ווען מען זעט דיין שיטל אין גרויקייט געטונקען.
צייט האָט געלאָזן אַקער־קאַרבן אויף דיין געזיכט
פאַלן אין הארצן כאָרכל־ווערטער ווי א שטיינער־געוויכט.
דיינע אויגן זענען אין שקיעה שיין פארזונקען,
דיין גאַנג ליטערט זיך ביי א שטורמדיקן ברעג.
ווי שוימיקע כוואַליעס ברויזן אויף געדאַנקען
און טעג ווי כמאַרעס פון טרויער ציען און צאַנקען.
בויגט זיך דער מאַסט פון לעבן אויף דיין וועג
וואו צער אין שפּיציקע שטיינער איז אויסגעשאָטן.
מיטלייד, ווי א צאַרטע פרוי, באַגלייט דיך אויף יעדן שטעג
און לענט דיך אונטער ביי יעדן הינקענדיקן בויג.
און אַז דאָס בליעכץ פון דיין פרייד רייפט זיך גראָטן
רויטלט זיך זיס אויבסט אויפן העכסטן צווייג פון בוים,
און בלי־בלימעלעך פון פרייד ווערן אויסגעשאָטן
אויף דיינע אַקער־טריט, וואָס דו האָסט אַליין אויסגעטרעטן.
אָבער באַלד הויבט זיך אָן די שקיעה פון דיין טרוים.
טויטער וויאַנען גאַלדיקט זיך אין פארשניטענע זאַנגען.
דו ביסט געווען דער פארזייער פון יעדן זוים,
האָט פרייד געבליט און געזידט אָן צוים
ווען ס׳זענען דיינע בייטן מיט שפע אויפגעגאַנגען
און ס׳האַרץ האָט געלייטערט די וואַקסנדיקע קערנער.
ס׳איז געווען א פרייידיק בליען און מאַלצייטן פון געזאַנגען,
טעג האָבן זיך געקאָלערט ווי רייפן אויף ציניקער׳ס שטאַנגען.
צווישן די זאַנגען האָבן אָבער אויך געבליט דערנער.
ביסטו געשטאַנען און געקוקט אין די זוניקע ווייטן,
א וועלט פון יונג־גרינס און שטייסט א פארלוירענער
און רייסט יעדן דאָרן מיט דער פרייד פון א צערנער.
א ראַנגלען פון נקמה איז געווען אויף דיינע בייטן
דו האָסט די דערנער אויסגעוואָרצלט אָבער נייע דערנער־בליטן
האָבן וואָרצלען געשלאָגן. און די פרייד פון גרייטן
זיך צום שניט האָט איבערגעלאָזן אין געמיט צייטן

פון וויאַנען. ס'האָט ניט געהאָלפֿן דיין צערטלעך טרעטן
ביים אָפּטיילן זאַנג פֿון דאָרן, ווייל ביים זאַמלען אין די זעק
דיין זאַנגען־האָב האָסטו אויך געמוזט גלעטן
געדראָשענע דערנער, און אוועקכאַפּן הענט אָפּגעבריטע,
מיטן האַרבסט איז אויפגעגאַנגען דיין שרעק,
פֿון שנירלעך קאַלטן רעגן האָסטו געשפּונען טרוימען פֿון ווייטן.
מיט ווינטיקע כמאַרעס האָט דיך געצויגן אוועק,
ביסטו געגאַנגען דיין לעבן מיט בענקשאַפֿט באַגלייטן.

צו אַן אײנזאַמע פֿרױ

(סאָנעטן־רינג)

I

דו שאַרסט זיך אין לעבן ווי ווינט שאַרט
אַ האַרבסט־בלאַט מיט די קלאַנגען פֿון וויאַנען.
אין טעג זענען וועגן געמאָסטן ווי ביים שפּינען
די שטריקמאַכערס, אָבער יעדע שעה ווי אַ בלאַט דאַרט.
און יעדער אָדער ווערט אַ סטרונע וואָס שטאַרט
פֿאַרן מינדסטן ווינט־וויבריר. צעטיילט אין זינען
פֿון דיינע שעה'ן — ביסטו די וואָס וויל געפֿינען
יענעם פֿעלזיקן וועג וואָס וועט שמידן די טריט האַרט.

פֿאַר דיר, ווי פֿאַר יעדן פֿון אונדז, איז דאָס לעבן
אַ קרייד־צירקל. ס'אויפֿגיין און פֿאַרגיין קומען זיך צוזאַמען.
געפֿילן, ווי פֿייכטע ריטער, לאָזן פֿרענגעס אויפֿן לייב.
און כאָטש דו ווילסט מיט אָדלער פֿליגל שוועבן,
דאָך שטייסטו געוואָרצלט צווישן דעמבע שטאַמען
ווען דאָס לעבן מיט האַרץ־קלעפּ צום באַוועגן טרייבט.

II

ווען דאָס לעבן מיט האַרץ־קלעפּ צום באַוועגן טרייבט
ווערן דיינע טריט צוזאַמענגעלייט מיט דיינע געדאַנקען.
שלייפֿן ווערן רגע־ווייזערס און גלידער צאַנקען
ווי קנויטן ביי גאַרע ראַנדן. יעדער ווענד איז באַגלויבט
און דערפֿירט. פֿאַר אַלע איז אויסגעשפּרייט
טונקעלע און לויטערע וועגן. מיטן פֿלאַמיקן זינקען
פֿון אַ טאָג וועט יעדער גלויבן, אַז מען קען
פֿון דאָסניי אויפֿגיין צו אַ נייער הויכקייט.

ווילסטו אין נאַקעטע אָרומען דערפּיקן
דאָס גאָלדן קערנדל וואָס וואַלגערט זיך שוין לאַנג
אין הויפן מיסט. דיינע בלייכע ליפּן טוסטו שטרעקן
ווי שטעכיקער שנאָבל, און נעגל זענען גרייט צום פאַנג.
אָבער דיין, ווי יעדנ'ס, האַלדז — הענקער'ס פעטליעס דריקן,
קנוילסטו דיך ווי אַ הונגעריקע שלאַנג.

III

קנוילסטו דיך ווי אַ הונגעריקע שלאַנג
אויף אַ דאַרע צווייג, וואָס וועט קיין זעט דיר ניט געבן,
אַזוי קנוילנדיק ווילסטו מוטיק דערשטרעבן.
טעג אָבער פאַרשוועבן בלייכע, און ס'טוט באַנג
וואָס אַלע אברים שטעקן ווי אין אַ פאַרזשאַווערטע צוואַנג.
ביים ארויסרייסן זיך וועלן דאָרט בלייבן
פאַרבלוטיקטע שטיקער פון דיין וואָרן גלויבן
און דער שווימיקער איבערפלוס פון דיין דראַנג.

וועלן ראָיען דיינע צעשראָקענע אויגן
איבער די געלע זאַמד־קרייזן פון ווינט
ווען ס'וועט הויערן אַ טאָג מיט זילבערנע שיבן.
פאַר דיר באַהעפטן און סע שיידן זיך וועגן
פאַרגלייכסטו פון די גערדאַנקען דעם שרינט
און וואַרעמסט די האַנט ביים שיין פון פרעמדע שטיבן.

IV

און וואַרעמסט די הענט ביים שיין פון פרעמדע שטיבן
ווי דו וואַרעמסט דיין האַרץ ביי פרעמדע געשטאַלטן.
פאַר דיין מאַמע'ן ביסטו דערפאַר פון לאַנג שוין פאַרשאָלטן
און צייט האָט איר אָנדענק אין דיין האַרצן צעריבן.
און די קרישקעס וואָס זענען דיר נאָך פאַרבליבן
האַלסטו טייער ווי נאָנטע'ס בריוו פאַרגעלטע.
דורך פאַרמאַכטע אויגן און מיט הענט פאַרשטעלטע
זעסטו איר צעקנאָדערטן גוף פאַר דיר שוועבן.

ווילסטו מיט האַרץ־פּייערן צעברויזן
די באַנגע געלענדערס פון דיין וויאַנעדיקן גוף.
ראַמען די שעה׳ן אין אַ הוילן, דאַרן שטאַם,
מידע פוסטריט אין לויזן ליים לאָזן
און אויפהענגען דיין טרוים אויף אַ פויגל וואָס פליט אַרויף.
באַגערסט קלאָרע ווייטקייטן אין פאַרגליווערטן קלעם.

V

באַגערסטו קלאָרע ווייטקייטן אין פאַרגליווערטן קלעם.
מיט שטראַלן קלאַמערן זיך פינגער און פלעכטן
די צעפּ פון לייד מיט בלאַנקען נעכטן
וואָס האָט ווי כוואַליעס דיך פאַרוויגט אין תהום
פון אַליינקייט. דו, מיט פאַרזשאַווערטן אַנקער־צוים
פון מידן לעבן, ווילסטו אין פּראָסטקייט דערטראַכטן
וואַרום הענט גיבן זיך צו קייטן און העדלזוער צום שעכטן,
ווען געדאַנקען, ווי ווערמיליאָן בלעטער, שאָרווען מיטן שטראָם.

טאָ גיי אויף מיט געברוינטן גוף ווי בלויער בליט.
יעדער קאָרן זאַנג געבערט נייעם זעט.
און ווען שטרוי־גאַרטלען ווערן געפלאָכטן אין שניט
פאַרבינד דעם טרויער פון דיין זומערדיק געמיט.
שטרעק די הענט, ווי צווייגן, צום אויבסט רייפקייט,
זאַמל אין דיין האַרבסט די פרוכטן אומעט.

VI

זאַמל אין דיין האַרבסט די פרוכטן פון אומעט
ווען ס׳פאַרגינט ניט די זון איר קאַרגן שיין.
און פלאַנץ־פלויטן וויאַנען אויף שוין
צו שטאַרן מיט שפּיזל־צווייגן צום אַליינקייט.
מענטשן, ווי שאָטנס, לאָמען פאַרביי דיר מיט גאָרע בלינדקייט,
זוינסט דו זייער טרויער ווי בלוט די שפּין.
איבער דיר ציען שעה׳ן, ווי כמאַרעס אָן אַ זין
און פאַרשניטענע וואַרצלען פאַרווישן דיינע טריט.

ווילסט דו פֿאַסמעס טעג אַרום דײַן שטאַם,
אויגן שפּיגלען דאָס גרויקייט פֿון פֿייכטע ווענט.
שטריקסט דעם צער מיט די דאַרע הענט.
לעשן און צינדן זיך די אויגן מיט וואַרימען פֿלאַם
ווען צווישן די טריפֿנדיקע איינזאַמע ווענט
דו באַצירסט ס׳לעבן מיט אַ נייעם טרוים.

VII

דו באַצירסט ס׳לעבן מיט אַ נייעם טרוים
און מאָלסט דיר אויס גיגאַנטישע פֿעלדזן טרעפּ
זאָלסט קלעטערן מיט טאָג׳ס זילבערנעם שלעפּ
אַרויף צו וואָלקן הויכקייט. ווי מעווע אויף ים
ווילסטו רויבן פֿענעצלעך זעט צו דערהאַלטן דײַן שטאַם.
לאָזטו דיך איבער שפּיציקע שטיינער אין גאַלאָפּ
און וואַרפֿסט דײַנע טרערנדיקע בליקן אַראָפּ
צו זען ווי דײַנע וואונדן פֿאַרבן רויט מאָך און שליאַם.

פֿון די פֿעלזיקע טאָלן לויערט אויך טויט.
און ווי רויט אַ וואָלקן זאָל פֿאַרבן דײַן שטייגן
שינדט פֿאַרנאַכט זײַן פֿורפֿורנע פֿעל.
און דו — אָן פֿליגל, געזעטיקט מיט נויט —
ווילסט מיט טרוים־טריט דערגרייכן שנעל
דאָס, וואָס דײַן האַרץ קען ניט דעריאָגן.

VIII

דאָס, וואָס דײַן האַרץ קען ניט דעריאָגן
איז דער ווירוואַר־ריטם פֿון שאָרוונדיקן לעבן.
פֿלאַמט דײַן קערפּער און שוימט מיט שטרעבן
אָבער אַנטוישונג צוימט אַלע דײַנע וועגן.
עס ציט דיך צו דערגרייכן יענע ברעגן
וואו ווינטן צירקלען זוניקע זאַמדן.
און ווי אַ כוואַליע בויג ווילסטו לאַנדן
דײַן ווילן די מאַכיקע פֿעלדזן אַנטקעגן.

קריכסטו מיט פּאַמעלעכע טריט ווי אַן אַקערער,
אויפּצוראַיען דיינע בייטן פון ווילדע פלאַנצן
און נייע זאָמען פאַרזייען. דו, ווי אַ באַרג־קלעטערער,
ווילסט זיך דערהויבן צו קענען אינגאַנצן
אויסזויגן פון דער זון דאָס בלוט,
און געבערן אויף דיינע צווייגן נייעם צוויט.

IX

און געבערן אויף דיינע צווייגן נייעם צוויט
ווען ס'ווערן לויז די רייפן פון דיינע טעג.
און ווינט שאַרט צו דיין טיר אַ נייעם פאַרמעג
פון הויפנס בלעטער וואָס גיבן ביטערן זעט.
זיצט ביי דעם טיש וואו יעדעס נאַקעט ברעט
געדענקט דאָס געפעס פון פריילעכע מאָלצייטן.
איצט שטאַרן אין פענצטער בליאַקירטע בייטן
און דיינע שוועלן גאַרן נאָך פריינט'ס טריט.

אַז ס'גייען אָפּ מיט אַליינקייט דיינע טעג,
בינדסטו אין זכרון קניפּלעך פון יעדע וואָך.
דיין טרויער ווי הינטלעך שווימט אום אין טייך
באַגלייט פון דיר מיטן צער פון אַ וואַיענדיקע צויג.
פאַר דיר איז ס'גאַנצע לעבן אַ לויה־שליאַך,
זייעסט קערנער־טרערן פון דיין יעדן אויג.

וועגן יעדן פון אונדז

I

דער גיריקער אויסדרוק פון זיך אליין
וואָס יעדער פאַרלאַנגט צו האָבן אין לעבן,
איז צו פאַרהילן זיינע געפילן מיט געוויין
ער זאָל ווערן געפאַנגען אין פרייד־געוועבן,
איידער ס'האָט אויסגעשפּראָצט פון זיינע אויגן
וויים בליאַכץ, וואָס זאָגט אָן צייטיקע פּרוכטן.
אין זיין לעבן וועלן רייפע יאָרן זיך צעלייגן,
ווי פאַרשניטענע זאַנגען און ס'וועלן זיך פלעכטן
די דראַנגען מיט האַרץ־בלעטלעך, וואָס דערמאָנען
וועגן דעם פינצטערן אָנקום, וואָס בייזע ווינטן
שפּילן אויס אויף האַרפּע־ביימער. פאַרגינען
ווערט יעדן — ווי די קאַרגע נדבה דעם בלינדן —
צו עסן אַן אָנגעגרייט שטיקל ברויט
און צו קושן דאָס לעבן מיט די ליפּן פון טויט.

II

די וואָרצלען פון יעדנ'ס פאַרשטאַנד באַנעמען
דעם טעם פון ביטערן פליסיקייט וואָס די ערד גיט
אונדז צו דערנערן אונדזער בלייכן בלוט
און מערן די קרעפטיקע רינגען אין די שטאַמען
פון אונדזערע גופים. מיר זענען געקומען
מיט ליכטיקע אויגן איינצונעמען דאָס פאַרבן־שיינקייט
פון בוים מיט טשערעפּאַכע קאָרע, בליאַקירטן בלאַט,
און פעלד מיט הויערנדיקע וואָלקנס זון־פלאַמען.
שטייען מיר גאָר און גאַפן אין געצוימטן גראָקייט
מיט נאָכהענגענדיקע הענט. און ווי ברייט
אַ מענטשנ'ס האַרץ איז, קען עס דאָך ניטביישטיין
און מעסטן די פּיין וואָס עס טראָגט. אַליין
איז יעדער דער בלאָז־זאַק וואָס ברויזט אויף פייער
דאָך וואַרט ער אַלע יאָרן אויף אַ באַפרייער.

III

די שלאַנגען פון ווילן פאַרצערן אין זיך
די בליענדיקע מינוטן פון ברויזיקן לעבן.
אַ רינג פון דער זון, שטרעק אוים די האַנט, דערגרייך
יענער צוויג, וואָס וועט מיט גרייטקייט געבן
דאָס רייפסטע אויבסט. אויגן אויפגעפראַלטע
קענען אָבער ניט באַנעמען די קאָלירן
וואָס וואָרצלען אין דער זון צעשטראַלטע
האָבן אויסגעמאָלן אויף אַ פּענכערל אין געשוויל פון יאָרן
ווען הויטן קאַרבן זיך ווי גראָע קאָרע,
און געביינען הויקערן זיך. דעמאָלט זאַפּן
אין זיך די חושים, ווי מאָכיקע טייכן, דאָס וואָרע
געפאַלנקייט פון בלינדקייט. און יעדן צופּן
די געדאַנקען די שרעק פאַר מינוטן. ווי מאַריאָנעטן
טאַנצן זיי אוים דעם טרויער פון אייגענע שאָטנס.

IV

אויב מיר דאַרפן ווערן געזעטיקט פון
דיין ביטערער קאָרע, גאַליקע גראָזן,
און ציילן די אָנצאָליקע זון־קרייזן
פאַר אונדזער פאַרמעג? קען דאָך יעדער אין קאָן
שטעלן זיין בידנעם ביסל האָב. אָט אַ געשטאַלט
אַן איינגעהויקערטס מיט אַ האַרץ אַן אומרו
וואָס ציילט די טעג אין מאָסן. אַ נאָרע
קען יעדער מאַכן פאַר זיין געצוימטע וועלט
וואו ער קען אויסזויגן פון די פינגער דעם סוד
פון דאזיין. דאָס איז דער באַשטאַנד;
אַ וויינענדיקע ווערבע ביי אַ בערגל זאַמד,
אַ צעפוילטער קרייץ מיט אַ וויגנדיקן גאָט
און שימלענדיקע קרייטעכצער. דער רוף
פון רו וועט אַליין ווינטיק וויברירן אין זיין גוף.

אינהאַלט:

אויטאָפּאָרטרעט — 5
בשורות פון הונגער — 7
אַרבעטסלאָזער — 9
מיט וואָס זאָלן זיי זעטיקן זייערע שעה'ן — 9
מאַרשירער פון נויט — 10
מאָנאָלאָג פון אַ הונגעריקן — 11
ליד — 13
מאַסע־מענטש — 14
הונגעריקע מענטשן — 15
בעטלער — 16
בעטלער־געסט ביי בעטלער — 17
אין געראַנגל פאַר זאַלץ און ברויט — 18
ליד פון בויער — 19
זיי וועלן קומען — 20
שמידן — 21
ראַבאַט — 22
ברידער פון איין שטאַם — 23
צו דיר, אויסטראַכטער פון נויט — 24
הענקער — 25
נעגעריש אַמעריקע — 26
באַלאַדע פון נעגער טאַם — 28
אַ באַנג באַגעגענען — 29
קוילן גרעבער — 30
פון לעצטן מאַלצייט — 33
צו אַ געשטאַלט אין שוואַרצן — 34
ביים שטילן ראַנד — 35
פּאָרטרעט — 36
יידיש — 37
אויפשריפט אויף אַ פּאָרטרעט — 38
סאָנעט — 39
אַ מענטש אַזאַ — 40
צו אַ פריינד — 41
לעבעדיקע סטאַטוע — 42
געשטאַלט אין גראָען — 43
וואַגאַבונדן — 44
פון לעצטן מאַלצייט — 45

יידיס — 46
EGO — 47
בלי אויף, מיין האַרץ — 48
איך גיי נאָך דיינע טריט — 49
לידער צום ים — 50
צו אַ מאַלער — 52
סעזאָנען — 54
ביי דיין שטאַם, אָ הוילער בוים — 55
צו אַ שניטער — 56
אימפּרעסיע — 56
צו אַן עפּל־בוים — 57
שוין רייסט דער ווינט סאויבסט פון די צווייגן — 59
לבנה־נאַכט — 60
שפּעט־זומער 2 — 61
האַרבסט — 62
ווינטער — 63
שניי — 64
אידיליע — 65
היל מיך, טאָג — 66
יעדער פון אונדז ווערט אַן אומעטיקער קלאַון — 67
מיט דער גרויער קאָסע פון צייט — 68
כיבין דער געפאַנגענער פון דיין שאָטן — 69
טראַגיש געשטאַלט — 70
שפּעט זומער — 71
ליד פון אַנטוישונג — 72
ערד — 73
דאָרשטיקע ביי דיינע קוואַלן — 74
וועגן מענטש — 76
נזירים — 77
דער גייער — 78
זקנים — 79
מענטש אויף וויסטער ערד — 80
רעקוויעם אויפן טויט פון א. ש. זאַקס — 81
באַלאַדע פון פרייען מענטש — 82
טויט פון אַ מענטש מיט אַ זינגענדיק האַרץ — 84
סימבאָלן פון אַ מענטשנס לעבן — 86
צו אַן איינזאַמע פרוי (סאָנעטן־רינג) — 88
וועגן יעדן פון אונדז — 93